# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה׳ נומער 203 פרשת שמות · תשפ״ד

**היכל הקודש נייעס:**
ראשית דגנך ארגאניזאציע געעפענט אין היכל הקודש בני ברק
11

**געדאנקען:**
ברסלב האלט יא פון טערעפי אדער נישט?
18



וויכטיגע שאלות ותשובות פאנעל פארגעקומען פון די

# חשובע כולל אינגעלייט

מיט די געטרייע

# הצלה וואלענטירן

אין שטעטל - דינסטאג ויחי | 10

עניינא דיומא:

## וואס דארף איך טון שובבי״ם?

14



## פרייליכע סיום הש״ס

פון הבחור אשר ראנד נ״י
מיטוואך ויחי 35

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
שמות כ"ה טבת תשפ"ד

הדלקת הנרות ..........04:24
מוצאי שבת ............05:56

מנחה מעריב וארא....05:40



די פרשה פון די וואך
א איבערבליק אויף סדר בראשית
4


וועלטליכע נייעס
די נארט אטלאנטיק טריטי ארגאניזאציע (נאטא)
8


שטעטל נייעס
שאלות ותשובות פאנעל פון די כולל אינגעלייט מיט די הצלה וואלענטירן
10


ענינא דיומא
וואס דארף איך טון שובב"ים?
14


מיט א טיפערן בליק
א מיואש'דיגע מערין
22


בילדער אפטיילונג
שמחות און מאורעות אין היכל הקודש פון ארום די גאנצע וועלט
35


**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו מייטא תחי'**
**צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**הרב שלמה רוטה שליט"א**
**וזוגתו פריידל תחי'**
**צו די געבורט פון פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

**ברוכים הבאים!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה בניהו דיאוונער הי"ו**
**וזוגתו צפורה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג

**ברוכים הבאים!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה בערל לעווי הי"ו**
**וזוגתו הינדא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג

בעזרת השם יתברך

פון טיפן הארצן
טוהן מיר וואונטשן
א הערצליכן מזל טוב
פאר אונזער חשובער

# ראש ישיבה שליט״א

צו די געבורט פון א אייניקל
ביי זיין חשובע זוהן
הרב ר׳ **שלמה** שליט״א
מחשובי אברכי הכולל היכל הקודש
בקרית ברסלב ליבערטי
חתן מו״ה **יואל טייטלבוים** שליט״א
מלמד מומחה בתלמוד תורה היכל הקודש

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה שליט״א זאל זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און האבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט,
אמן.




**הדרן עלך... הדרן עלך... יא יא מיטן ניגון... הדרך עלך סדר בראשית, אבער דעתן עלך - אונזער מחשבה בלייבט מיט דיר - לא נתנשי מנך סדר בראשית... מיר קענען זיך נישט אפגעזעגענען פון דיר סדר בראשית...**

**אוי ווי קענען מיר זיך געזעגענען פון דיר בראשית, ווען די הארץ גייט אויס פאר די זיסע סדרות, אוי וועלן מיר בענקען נאך דיר, עס פארבלייבט אזא זיסע טעם אין מויל פון די לעכטיגע פסוקים, פון די פילע רש"י'ס, ווי ממש יעדע פסוק, יעדע רש"י איז נאך אן אדרעס צו טרעפן ווי דער אייבערשטער וואוינט.**

**בראשית**

קוק אזא סדרה ווי פרשת בראשית, נאך דערצו אזא יאר ווי דאס יאר, וואס מיר האבן געהאט א פולער וואך צייט צו לערנען און אריבערגיין די הייליגע סדרה.

די וועלט, שטייט ווי א נייע ליידיגער הויז, עס איז פריש, ציביסל־עך ווערט אריינגעלייגט נאך א פיטשעווקע, ס'קומענדיגע טאג נאך א פיטשעווקע, דער גרויסער גאט גרייט אן זיין שיין וועלטל אז אדם דער מענטש זאל קענען קלויז'ן אין צייט... ער זאל זיך קענען אריינציען צו א פערטיגע שיינע וועלט.

אוי בראשית דו לערנסט אונז "זיי נישט קיין כפוי טובה", דער אייבער־שטער האב דיר געגעבן א ווייב, באשולדיג איר נישט, זיי איר מחשיב, האלט איר טייער, "דארפסט איר נישט אלעס פאלגן", אבער האלט איר פאר די חשוב'סטע זאך אין די וועלט.

אוי בראשית דו לערנסט מיר דאך "זיי נישט גערעכט" אנטשולדיג דיך, זאג נישט איך בין נישט שולדיג, זאג יא! אייבערשטער איך האב געמאכט א מיסטעיק.

אוי בראשית וואס לערנט אונז שטיי ווייט פונעם שלאנג, שטיי ווייט פון די וואס זאגן איך האלט פון אים... אבער... ס'איז נישט אזוי פשוט... געב אכטונג ער וועט דיר נאך צונעמען דיין לעבן.

אוי בראשית וואס לערנט אונז אז אלעס איז גרייט פאר אונז, דיין ישועה איז דא, עס ווארט נאר אויף אונז, אויף אונזער פאר ארימע ווערטער צום אייבערשטן, כדי די ישועה זאל אנקומען צו אונז.

אוי בראשית וואס לערנט אונז וואס עס איז געווארן פון מלאכים "עובדי השם" - וואס קוקן שלעכטס אויף די מענטשן וואס מוטשענען זיך מיט נסיונות - זיי זאגן מען דארף אפמעקן דעם מענטש, קוק ווי זיי זענען נאכדעם פארפירט געווארן און פארפירט די וועלט אין די גרעסטע טומאות.

**נח**

און נח...

אוי נח אזא זיסע פרשה, נח לערנט אונז אז - כבר היה לעולמים - עס איז נישט קיין נייע ערשיינונג, אין יעדע צייט מאכט מען אוועק די צדיקים, יש מ'רבותינו' וואס זאגן אז ער איז געווען א צדיק, ויש (נישט מרבותינו) וואס זענען דורשין לגנאי.

אוי פרשת נח וואס לערנט אונז אז אין יעדע צרה איז אבער דא א פארזי־כערטע פלאץ ווי מ'קען זיך באהאלטן, און אפילו עס טוט זיך א מבול אין קאפ, קען מען אריינגיין אינעם תיבה, מיט אפאר ווערטער צום אייבערשטן קען מען בארואיגן אפשטילן, מען קען זיך באהאלטן ביים אייבערשטן.

אוי פרשת נח וואס לערנט אונז ווי "זאגן מוסר דרשות" הונדערט... און... צוואנציג.... יאר ברענגט: "גארנישט!!", ווייל עס איז אן תפילה "אייבערשטער ראטעווע זיי" אייבע־רשטער ברענגט אריין אין זיי א רוח

טהרה, און ס'איז מוסר, אן קיין חיזוק, "ביסט א שגץ" "דו גייסט שטארבן" אנשטאט צו זאגן "דער אייבעשטער האט דיך נאכאלס ליב" קיין איינער איז נישט געראטעוועט געווארן דורך מוסר.

**לך לך**

און מיינסט א לך לך איז עפעס אונטערשטעליג.

אוי דער זיסער לך לך, גיי... ווי זאל איך גיין? דו גיי... דאס איז דאך וואס מיר אלע גייען אריבער יעדן טאג... גיי... ווי זאל איך גיין? וואס זאל איך גיין? ווער זאל איך גיין? אבער די לימוד דערפון איז אזוי קלאר, אויב מיר פרעגן דעם אייבערשטן ווי זאל איך גיין, באקומען מיר יעדן טאג די ענטפער'ס אל הארץ אשר אראך, איך וועל דיר ווייזן ווי אזוי צו האנדלען מיט שלום בית, איך וועל דיר ווייזן ווי אזוי צו האנדלען מיט קינדער, איך וועל דיר ווייזן ווי אזוי צו האנדל־ען מיט פרנסה, איך וועל דיר ווייזן ווי אזוי צו האנדלען מיט יעדע זאך אין דיין לעבן, נאר פרעג מיר.

אוי לך לך וואס לערנט אונז גיי ארויס פון דיין באקוועמע הויז, גיי זיך פארשמיצן און פארשמירן, בלייב נישט פארשפארט אין א תיבה און לאז די וועלט קראכן, ניין! גיי ארום אין די וועלט, מאך א איבערקערע־ניש, גיי פארשפרייט לופט, אקסעדז־שין פאר אומגליקליכע מענטשן. יא! "עס איז דא א האפענונג" יא! עס איז דא א באשעפער וואס ווארט אויף דיר, וואס ליבט דיך.

אוי לך לך וואס לערנט אונז, ווי לוט וואס איז געגאנגען מיט אברהם, אפילו ער איז געווען ווער ער איז געווען, אבער ווילאנג ער האט זיך אנגעכאפט אינעם צדיק האט ער געהאט הצלחה, און איינמאל ער איז אוועק געגאנגען איז ער פארכאפט געווארן. מיט א צדיק האט מען הצלחה, און אן א צדיק איז זייער ביטער.

אוי לך לך לערנט אונז, וואס? איך טאר נישט קוקן אויף מיין ווייב? אויף וועם דען זאל איך קוקן? ניין! אודאי זאלסטו קוקן, און נאר אויף איר זאלסטו קוקן אבער קוק נישט... זע נישט קיין חסרונות אין איר.

**וירא**

אוי דער הייליגער וירא ווי וועלן מיר זיך קענען געזעגענען פון דיר.

שטייסט ביי די טיר אינדרויסן פון די קדושה, מען לאזט דיך נישט אריין, און עס איז נאך "כחום היום" עס ברענען אין דיר אלע שרעקליכע פייערן, בלייב! ווארט! גיי נישט אוועק והוא יושב פתח האהל כחם היום.

אוי וירא דו לערנסט אונז דאך, אברהם געט אוועק זיין שטוב, זיין לייב, זיין לעבן אלעס פאר הפצה, אפשר וועט איינער אריבער גיין, אפשר וועט קענען אריינברענגען אין א מענטש ער זאל טראכטן: "איין מינוט איך האב נאך האפענונג", איין מינוט עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

אוי וירא וואס לערנט אונז ווי אזוי צו רעדן צו א ווייב, זאגן ליגענט... למען האמת... כדי עס זאל בלייבן שלום צווישן די 'הונדערט יעריגע קאפל...'

אוי וירא וואס לערנט אונז, ווי מיר זאלן טענה'ן מיטן אייבערשטן פאר אידישע קינדער, אפשר דאך אייבער־שטער! אפשר דאך! אפשר זענען זיי נישט שולדיג! אפשר קען מען זיי ראטעווען פון גזירות! ביז די לעצטע רגע טענה'ט זיך אברהם אולי יש און אולי יש און אפשר דאך... אזא וויכטיגע לימוד רעדן גוט'ס אויף אידישע קינדער אפילו זיי זענען אויס אזוי געפערליך.

אוי וירא די לימודים פון די הייליגע עקידה.

אוי וירא די לימוד וואס מיר לערנען פון דיר, דער אייבערשטער זאגט גיי ארויף... ניין גיי אראפ... שעכט יא... שעכט נישט... זיך נישט פארלירן יעדע רגע האלטן קאפ וואס וויל דער אייבערשטער פון מיר מסירת נפש? אדער זיין א פשוטע איד און טון וואס דער אייבערשטער וויל יעצט.

**חיי שרה**

אוי די לעכטיגע פסוקים פון פרשת חיי שרה.

פרשת חיי וואס לערנט אונז די וויכטיגע עצה אין לעבן, עס איז לעת הערב, עס איז פינסטער, ביינאכט בעת צאת השואבות, מ'איז שוין אינגאנצן אויסגעשעפט! וואס איז די עצה יעצט? ויברך את הגמלים מחוץ לעיר, נעם דיין קאר פאר ארויס פון שטאט אין גיס דיך אויס דיין הארץ צום אייבערשטן וועט זיין א שידוך, וועט זיין אלעס.

אוי פרשת חיי שרה וואס געט אונז א וועג ווי אזוי צו קוקן ווען מען זוכט א שידוך, קוק אויף די מידות פון די מיידל, דאס איז וואס עס בלייבט, די אלע אנדערע זאכן געבן גארנישט צו אין לעבן.

אוי חיי שרה וואס לערנט אונז ווי אזוי צו בעטן בפרטי פרטיות אויף א זאך וואס מען ווייסט גארנישט אלעס אויסשמועסן, מיט א שלשלת... בעטן און בעטן נאכאמאל און בעטן... נאכאמאל.

אוי חיי שרה דו לערנט אונז אז ווען

עס איז גאר ביטער, עס איז דא ווי צו גיין, ויצא יצחק לשיח בשדה, ער האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ, און אט קומט די ישועה.

אוי די לעכטיגע פרשת חיי שרה, דו לערנסט אונז דאך, אז די לעכטיגקייט פונעם שבת, די התעוררות און פרייליכקייט מוז נישט אוועקגיין, אויב האט מען א צדיק בלייבט א גאנצע וואך די שטוב די זעלבע פרייליך ווי שבת, און... א גאנצע וואך קענסטו לייגן די הענט אויפן פנים און בעטן וואס דו דארפסט פונעם אייבערשטן, אזוי ווי בשעת הפרשת חלה און הדלקת הנרות.

**תולדות**

און תולדות, אוי תולדות לערנט אונז ווי מיר זאלן זיך נישט מתווכח זיין מיט קיין לצים, און יעדע דור זענען די לצים "גערעכטע לצים", איך רעד פאקטן... קוק אהער... אדרבה זיי דו מיר עס מסביר... אבער די תורה פארענטפערט זיך נישט פאר לצים, נאר לאזט אונז איבער א לימוד אז מיר זאלן וויסן אז אלעמאל זענען געווען גערעכטע לצים, אבער דער צדיק בלייבט צדיק, מען זאל נישט נתפעל ווערן פון זיי.

אוי די הייליגע תולדות, וואס לערנט אונז אפילו דיינע הענט זענען עשיו'ס הענט, ביסט פארשמירט מיט עבירות ווי עשיו, אבער אז דיין קול איז יעקב, אז דו זאגסט אייבערשטער איך וויל זיין גוט ביסטו שוין א געבענטשער מענטש.

**ויצא**

די הייליגע סדרה פון ויצא, וואס לאזט אונז איבער א זיסן טעם אין מויל, ווילאנג דו ביסט מיטן צדיק האסטו א שיינקייט און אזוי ווי דו שיידסט זיך אפ פונעם צדיק, דער צדיק גיט ארויס פון דיר איז פנה זיוה פנה הודה פנה הדרה.

ויפגע במקום טראכט נישט איך האב שוין צו פיל געבעטן, איך וועל זיין צופרידן אויב... נאר זאלסט פעיגערן דעם אייבערשטן, אבער איך האב שוין געבעטן, יעקב נאכן באקומען אזויפיל הבטחות בעט נאך אלץ.

אוי וואס תפילה איז, לאה האט חתונה מיט עשיו... פוינט בלעק... נקודה... עס איז נישט דא פון וואס צו רעדן, אבער די תפילות פון לאה טוישן אלעס, עס געשעט א משוגענע זאך, דעם לבן גייט אריין א שגעון... און... זי האט חתונה מיט יעקב, זי ברענגט אים די מערסטע קינדער, זי ליגט באגראבן מיט אים.

אוי שוין יא א נס... פארוואס איז נישט געווארן צו די צוועלף שטיינער א פיינע קישן? ווייל פון מחלוקת ווערט נישט קיין ווארימע קישן...!

אוי לעכטיגער פרשת תולדות, הלואי זאל איך געדענקען ווי אזוי מען בעט דעם אייבערשטן, אזוי זאגט מען? אויב געסטו מיר נישט גיי איך נישט דאווענען? אויב ענפערסטו נישט מיין תפילה לייג איך נישט קיין תפילין? אויב דיין סגולה העלפט נישט הער איך אויף צו גלייבן? הבה לי בנים שרייט רחל, געב מיר קינדער, נו וואס איז יעקב אזוי גערעגט אויף איר, ואם אין מתה אנוכי, אויב נישט... מען מ'מאכט נישט קיין תנאים מיטן אייבערשטן אדער מיט א צדיק.

און ויצא... די לעכטיגע עצה, ליגסט אויף דער ערד עפן די מויל פון דארט, דער באשעפער איז מיט דיר ער הערט אויס יעדע ווארט.

**וישלח**

וישלח געב נישט אלעס אוועק פאר עשיו אז ער האט דיר צוגענומען דיינע אויגן אז ער האט די צוגענומען דאס דאווענען אז ער האט דיר צוגענומען דאס לערנען געב אים נישט יעצט אלעס אוועק והיה המחנה הנשאר לפליטה לאז עפעס איבער וואס זאל דיר בלייבן געב נישט יעצט אויף אלעס.

ויצא דינה בת לאה, דיינע קינדער גייען טון אלעס וואס דו טוסט, אז דו וועסטיך באהאלטן פון דיינע קינדער מיט א פאון וועלן דיינע קינדער זיך באהאלטן פון זייערע קינדער מיט א פאון.

**וישב**

איין פינק גייט אריין פון דיין בלאזער, איין ווארט צום אייבערשטן גייט ארויס פון דיין מויל רבוש"ע עכט וויל איך נישט וואס זאל איך טון דער יצר הרע האט מיך אנגעמיירעט מיט א גאנצע וואגן פון עבירות, ניצוץ אחד שורף את הכל, די איין ווארט צום אייבערשטן דאס פארברענט אלעס.

און די הייליגע לימוד יא! מען דארף רעדן צו קינדער, קינדער ווייסן נישט אליין, מדארף רעדן צו זיי נישט אנרירן די אות ברית קודש, די שבטים האבן א טענה צו יהודה... אזוי? דו ביסטו אונזער רבי? יעדער קוקט דיך ארויף און אז דו וואלסט געזאגט צוריקטראגן יוסף אהיים, וואלטן מיר געפאלגט, האט מען אים געמאכט אויס רבי! געענדיגט! פארוואס ביסטו דא? צו וואונטשן לחיים? צו זאגן השפעות טובות? פארוואס זאגסטו נישט? דער עולם האט א טענה! און א גערעכטע טענה! ווען מען וואלט ווען געזאגט וואס מען מעג יא טון און וואס נישט וואלטן מיר געפאלגט.

### מקץ

די הייליגע סדרה מקץ, ווי יוסף איז צום סוף ארויס פון זיין צרה. דאס איז א געוואלדיגע לימוד פאר אונז, יעדע צרה האט א סוף, עס איז נישט דא אזא זאך אז א מענטש זאל אלעמאל בלייבן אין זיין צרה, עס וועט דיר בעסער ווערן, עס איז נישט קיין ספק, קץ שם לחושך.

און די וויכטיגע לימוד, געב אכטונג פון יענעמ'ס געלט, דער רבי זאגט אז איינער וואס איז זיך מתיר גניבה, איז זיך מתיר די גאנצע תורה, די ברודער זענען אין זייער זאך פרעמדע געלטער, עס געהער נישט צו זיי, זיי ווערן באזארגט, חס ושלום צורירן צו יענעמ'ס געלט.

און וואס וועט זיין מיט פרנסה, קוק אריין... יוסף האט מער נישט געקענט אויסהאלטן פארנט פון די ברודער, ער איז געגאנגען אין צימער וויינען, זיך אפגעוואשן דאס פנים און געשטעלט ברויט צום טיש, א מורא'דיגע לימוד פאר אונז איך מוטשע זיך מיט פרנסה, איך קען שוין נישט אויסהאלטן, גיי אריין אין צימער וויין דיך אויס צום אייבערש־טן, וועסטו גלייך זען דו וועסט קענען אהיימברענגען געלט.

און די סוד פון פרנסה, איז דאך גורס זיין פרקים משניות דער עם הארץ, ער ווייסט פון גארנישט ער האט שוין דאס זייניגע אפגענומען ווען ער הערט דעם בעל קורא זאגן וכסף... משנה... דורך משניות איז מען זוכה צו כסף, משנה איז דאך גימטריה פרנסה.

און אז איר האט שוין אלעס, אלעס שטימט אלעס קלאפט ווי א זייגער, מען האט אנגעגרייט פארן מצרישן משנה למלך אביסל פירות ארץ ישראל, און געמאכט אלע נויטיגע פלענער, יעקב זאגט יעצט פעלט נאר איין זאך... תפילה, קענסט מאכן פלענער פון דא ביז מארגן, אלעס שטימט אלעס איז מסודר אבער עס גייט נישט גיין, דו מוזט מאכן א קליינע תפילה באשעפער העלף אז אלעס זאל פארן כשורה, יעצט וועסטו האבן הצלחה.

### ויגש

אוי די הייליגע סדרה פון ויגש, ווי וועלן מיר בענקן נאך דיר.

א איד גייט צום אייבערשטן מיט א טענה, בי אדוני דו ביסט דאך אין מיר, איך אליין קען נישט זינדיגן נאר מיט דיין כח, העלף מיר אייבערשט־ער אז איך זאל האבן כח צו טון וואס איז גוט און נישט האבן קיין כח צו טון וואס עס איז נישט גוט.

קענסט דיך אוועקלייגן וויפיל געלט און תבואה דו ווילסט אויב איז נישט דא קיין קדושה אויב איז נישט דא קיין יוסף איז נישט דא קיין ברכה, אלעס ווערט אלעס פארפוילט, עס איז נישט קיין ברכה, נאר אין עפעס וואס גייט צוזאמען מיט יסוד, מיט תשובה מיט יוסף נאר דארט איז דא א ברכה.

### ויחי

יוסף געדענקט זייער גוט זיין צרה, מ'האט מיך פארקויפט, מ'האט מיך אריינגעווארפן אין גרוב, ער מאכט א ברכה ווען ער גייט אריבער ברוך שעשה לי נס במקום הזה, אבער ער באשולדיגט נישט קיינעם, ער ווייסט אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן, אתם חשבתם עלי לרעה ואלקים חשבה לטובה.

וואס נאך איז אין ויחי, יוסף שטייט און ווארט יעקב זאל בענטשן די קינדער, אבער עס איז נישט דא קיין רוח הקודש, יוסף קען נישט יעצט גיין אין וואלד שרייען צום אייבערש־טן, ער שטייט פארנט פון זיין טאטען, יוסף מורמלט אונטער צווישן די ציין א תפילה, באשעפער ברענג צוריק רוח הקודש צו מיין טאטן, און עס איז צוריקגעקומען רוח הקודש.

אוי די הייליגע לימוד, מיר וועלן זיך בענקען נאך דיר, יעקב איז אפען מיט זיין זון, פאר מיר בעט איך דו זאלסט פארן לאנגע וואכן כדי מיך צו באערדיגן אין ארץ ישראל און פאר מאמי'ן האט מען זיך נישט געגעבן א ריר, יוסף איז געווען אנגעווייטאגט, יעקב זאגט אים "ווייס איך אז דו ביסט ברוגז אויף מיר" זאלסטו וויסן אז איך האב עס געטון ווייל דער אייבערשטער האט עס געהייסן. אזא וויכטיגע לימוד צו געדענקען יעדע מינוט פון לעבן, ווען מיר האבן טענות, קשיות, תערומות אויפן צדיק, פארשטייסט... פאר זיך ווייסט ער שוין זייער גוט... ווייס איך אז דו ביסט ברוגז אויף מיר זאלסטו וויסן אז דאס ווערט געטון על פי הדיבור זיי נישט ברוגז, מיר פארשטייען נישט אלעס, בעסער געזאגט מיר פארשטייען גארנישט.

**אוי וועלן מיר זיך טאקע בענקן נאך די עלעף לעכטיגע סדרות, אבער לא נתנשי מנך מיר וועלן נישט פארגעסן פון דיר, אפילו מיר גייען יעצט אריין אין שמות נעמען מיר מיט די לימודים פון בראשית אויף א גאנץ יאר, און יעצט וועלן מיר טרעפן דעם אייבער־שטן אין סדר שמות.**

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## די נארט אטלאנטיק טריטי ארגאניזאציע (נאטא)

אום אפריל 1949 למספרם איז געגרינדעט געווארן די נאטא ארגאניזאציע וואס האט צוזאם גענומען פילע מערב וועלט לענדער אין אן אליאנץ כדי צו זיין א קאנטער כח קעגן די סאוויעטישע פאראיין וואס האט געדראעט איינצושלינגען גאנץ אייראפע אונטער איר סאציאליסטישע/קאמוניסטישע רעדזשים.

די אריגינעלע מיטגלידער פונעם פאראיין זענען געווען איטאליע, אייסלאנד, אמעריקע (יו-עס-עי), בעלגיע, דענמארק, לוקסעמבורג, נארוועגיע, ענגלאנד (יו-קעי), פארטוגאל, פראנקרייך און קאנאדא. וואס האבן זיך צוזאם גענומען צו פארמירן א מאכטפולע מיליטערישע בלאק אפצושרעקן דעם רוסישן בער פון איינעמען פרישע לענדער אונטער אירע נעגל.

נאכן צוזאמפאל פונעם סאוויעטשן פארבאנד האט די פאראיין אנגעהאלטן און זיך צוגעפאסט צו די פרישע מצבים פון די וועלט, ווי זיך ארויסהעלפן אין צייט פון נויט, טעראריזם געפארן וכדומה.

מיט די יארן זענען צוגעקומען צו נאטא נאך פילע לענדער, היינט צו טאגס פארמאגט זי דרייסיג פולקאמע מיטגלידער, צוויי לענדער וואס האלטן אינמיטן די פראצעדור פון זיך אנשליסן, און נאך עטליכע לענדער וואס ווילן זיך אנשליסן. די צוגעקומענע לענדער זענען אונגארן, אלבעניע, בולגאריע, גרינלאנד, דייטשלאנד, האללאנד, טערקיי, טשעכיי, ליטא, לעטלאנד, מאנטאנעגרא, סלאוואקיע, סלאווועניע, עסטאניע, פוילן, צפון מעקאדאניע, קראאטיע, רומעניע, שפאניע. טייל פון די לענדער זענען פריער געווען א טייל פונעם סאוויעטשן פארבאנד. די לענדער וואס זענען אינמיטן די פראצעדור פון אנגענומען ווערן זענען פינלאנד און שוועדן - וואס זענען שכנים פון רוסלאנד - וועלכע האבן באשלאסן זיך אנצושליסן נאכדעם וואס רוסלאנד האט אינוואדירט אוקריינע מיט צוויי יאר צוריק. די פאלגענדע דריי לענדער זענען אין געשפרעכן און ווילן זיך אנשליסן, באסניע-הערצאגאווינע, גרוזיע, און אוקריינא.

נאטא - און בעיקר דאס וואס זיי האבן אריינגענומען פילע לענדער וואס זענען פריער געווען א טייל פון די סאוויעטישע פארבאנד, ווערט אנגעקוקט דורך רוסלאנד אלץ די הויפט סיבה פארוואס זיי בארעכטיגן די אינוואזיע אויף אוקריינא. פונעם רוסישן פערספעקטיוו האבן זיי מורא געהאט אז זיי וועלן פארלירן א שטארק סטראטעגישע ארט ביים שווארצן ים, וואס האט זיי אנגערייצט איינצונעמען קרימיע מיט צען יאר צוריק, און דערנאך זיי אריינגעפירט

צו די גרעסערע אינוואזיע קיין אוקריינא וואס זאל זיי געבן צוטריט צו קרימיע פון די יבשה נאכדעם וואס אוקרייינאהאט אין רעאקציע צום אינוואזיע אפגעהאקט דאס וואסער פלוס פונעם טרוקענעם האלב אינזל קרימיע.

על אפם ועל חמתם פון רוסלאנד האט עס אבער גורם געווען פונקט דאס פארקערטע. די לענדער שוועדן און פינלאנד וואס האבן אלע יארן זיך געהאלטן נייטראל - אזוי צו זאגן, און נישט וועלנדיג אויפברויזן רוסלאנד האבן זיי זיך צוריק געהאלטן פון זיך אנשליסן אין נאטא. דאס האט זיך אבער געטוישט אין די רגע רוסלאנד האט אנגעגריפן אוקריינא - ווי די וועלט קוקט עס אן - על לא עוול בכפם, האבן די צוויי שכנים פון רוסלאנד באשלאסן אז עס איז צייט פאר זיי זיך אנצושליסן אין נאטא, איידער רוסלאנד׳ס אפעטיט פאר נאך שטח שלינגט זיי איין.

נאטא לערנט אונז אויס די גרויסע כח פון אחדות און זיך צוזאם נעמען, חז״ל איז פול מיט ממרות פון די גרויסע כח פון אחדות, ווי ס׳איז באקאנט די משל פון א קנה - א דינע שטעקן וואס מ׳קען גרינג צוברעכן, אבער ווען מ׳בינדט צוזאם א גרויסע בינטל פון דינע שטעקענס איז עס כמעט אוממעגליך צו צוברעכן. חז״ל זאגן אז ווען אידן זענען באחדות, אפילו עס איז דא צווישן זיי עבודה זרה רחמנא לצלן קען די מידת הדין נישט שולט זיין אויף זיי. אחדות איז די שליסל צו הצלחה ברוחניות ובגשמיות.

פונקט ווי די מערב וועלט האבן זיך צוזאם גענומען און געמאכט א פאראיין, און רוסלאנד חלומ׳ט נישט אפילו פון צורירן אן אינטש פון נאטא, נאך מער איז דאס ביי אידישע קינדער. דער רבי זאגט אין ספר המידות אות פחד סימן כד, ״כשישראל באחדות האומות מתפחדים מהם,״ ווען אידן זאלן לייגן אלע מחלוקת אין א זייט און זיך ליב האבן אפילו מען האט מיינונגס פארשידענהייטן וואלטן אלע שונאי ישראל זיי נישט געקענט צורירן. אויך שטייט אין מדרש ״גדול השלום שאפילו בשעת מלחמה אין פותחין אלא בשלום״ (ויקרא רבה פרשה ט) אז אפילו בשעת מען האלט מלחמה דארף מען צוערשט פרובירן מיט שלום.

די ערשטע זאך דארף א מענטש שלום מאכן מיט זיך אליינס. א מענטש דארף זיך קענען אננעמען און זיין צופרידן פון וויאזוי דער אויבערשטער האט אים געמאכט. דערנאך דארף ער זיין צופרידן פון זיין טאטע מאמע, ווייב אדער מאן, פון זיינע קינדער, און זיי אננעמען אזוי ווי זיי זענען, און ווען עס איז דא שלום איז דא א ברכה ״לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום״, ״כינוס לצדיקים נאה להם ונאה לעולם״.

לאמיר אנהייבן קוקן גוט אויף זיך אויף די ווייב און קינדער און אויף אלע ערליכע אידן, וועלן מיר זיין אמת׳ע ערליכע אידן, און דער אויבערשטער וועט האבן נחת פון זיינע קינדער ווי זיי האבן זיך ליב איינער דעם אנדערן.



# האנטערביידען קארופציע סקאנדאל

די סקאנדאל האט זיך אנגעהויבן דורך אן ארטיקל אין א ניו יארקע צייטונג וואס האט פארעפענטליכט אימעילס געפונען אויף א מאשינקע וואס האנטער ביידען האט איבערגעלאזט ביי א קאמפיוטער געשעפט עטליכע יאר צוריק. דאס האט פאסירט הארט איידער די עלעקשאנס מיט דריי יאר צוריק, וואס דאן האט די מידיע - וואס איז שטארק לינק געשטימט - דערשטיקט די געשיכטע, מיטן ציל אז טראמפ זאל עס נישט קענען נוצן אין זיין פארמעסט קעגן ביידען, און האט אנשטאט דעם נאך מהפך געווען קערה על פי-ה זאגענדיג אז די גאנצע געשיכטע - וואס האט זיך ארויסגעשטעלט למעשה אלס ווארן - איז נישט מער ווי ״רוסישע פראפעגאנדע״ וואס זוכט אז טראמפ זאל געווינען.

האנטער ווערט באשולדיגט אין באקומען באצאלט שווערע מיליאנען פון די אוקריינישע בוריסמא פירמע בשעת ער האט גארנישט געטון פאר זיי, אויסער שתדל׳ן ביי זיין טאטן אלס וויצע פרעזידענט פון אמעריקע אונטער באראק אבאמא לטובת די פירמע. אין די טעג קומען ארויס באווייזן אז האנטער האט געשיקט כסדר באצאלונגען דירעקט צו זיין טאטענ׳ס באנק אקאונט, נוצנדיג פארשידענע דריידלעך מען זאל נישט זען פון וואו עס קומט.

דאס ברענגט ארויס דעם לימוד פון סוף גנב לתלי׳, א מענטש מיינט אז מען קען זיך באהאלטן פונעם אויבערשטן, אבער צום סוף אויב א מענטש טוט נישט תשובה ח״ו, איז עס גרויסע בזיונות.

אבער פון די אנדערע זייט איז דא א סארט גניבה וואס איז דווקא יא גערעכט. דאס איז ווען א מענטש גנב׳עט צייט צו לערנען, ער האט נישט קיין צייט, ער קען נישט לערנען, אבער ער גנב׳עט ארויס א מינוט דא, א מינוט דארט, און מיט דעם דערהאלט ער זיך דאס חיות, ער זאל קענען בלייבן מחובר צום אויבערשטן. אויב יעדע גניבה זעט דער אויבערשטער איז כל שכן די סארט גניבות וואס א מענטש כאפט זיך ארויס מינוט׳קעלעך צום לערנען, וואספארא שכר עס ווארט אים אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.

# שטעטל נייעס

## שאלות ותשובות פאנעל פון די חשובע כולל אינגעלייט מיט די געטרייע הצלה וואלענטירן



אין א ערשטמאליגע דערגרייכונג, איז פארגעקומען א גאר וויכטיגע שאלות ותשובות פאנעל,ביים בית הוראה שטיבל אין שטעטל וואו מען איז אדורכגעגאנגען גאר וויכטיגע נושאים וואס איז נוגע פאר די הצלה וולענטירן וואס לויפן אויף הצלה רופן אין שבת קודש.

דער פאנעל איז פארגעקומען פאראנגעגנעם דינסטאג ויחי, מען האט זיך צאמגעזעצט די חשובע אברכי הכולל, צוזאמען מיט די געטרייע הצלה וואלענטירן פון שטעטל, ווי אויך האט מען געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה איז ספעציעל געקומען צו פארן פאר דעם צוועק כדי דאס צו קענען מיטהאלטן.

דער ראש ישיבה האט געשטעלט איינע פון די חשובע אינגעלייט פון כולל מו"ה הערשל בוים הי"ו זאל פארלייגן די שאלות וואס מען וויל אדורכרעדן, און אזוי איז מען אדורכגעגאנגען פאר דריי שעה גאר אסאך וויכטיגע שאלות.

ר' הערשל האט פארגעשטעלט די שאלה פאר די הצלה וואלענטירן און די וואלענטירן האבן אויסגעשמועסט די פראקטיק דערפון, און אזוי אויך האבן זיי געוויזן די מאשינען מיט וואס מען באנוצט זיך אפט על כל צרה שלא תבא.

נאכן אדורכגיין א גרויסע ליסטע פון הלכות איז מען ברוך השם ארויסגעקומען זייער קלאר וויאזוי מען האט זיך צו פירן. געוויסע שאלות האט דער ראש ישיבה געזאגט פארן דיין שליט"א זאל דאס אדורכגיין, און דערנאך שרייבן אויף דעם א תשובה וויאזוי מען דארף זיך צו פירן ביי דעם פאל.

שפעטער האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדרוקט: "עס איז מיר געווען א פארגעניגן צו זען ווי די כולל אינגעלייט מיטן דיין שליט"א זענען אזוי קלאר אין די הלכות אויף למעשה, און אויך די אינגעלייט וואס זענען הצלה וואלענטירן זענען אויך אויסגעקאכט אין די הלכות נישט צו נכשל ווערן אין חילול שבת".

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדריקט "דער כולל איז מיר א מתנה פונעם אייבערשטן, און דער ראש הכולל, דער דיין - איז אויך א מתנה פאר די גאנצע קהילה".

## דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל ישיבה



נאכן שאלות ותשובות פאנעל ווי אויבן דערמאנט, איז דער ראש ישיבה אריבער צו די ישיבה אין שטעטל, און געגעבן א שיעור פאר די חשובע בחורים. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים "איך בין ענק מקנא; איך אלס בחור בין געקראכן אויף די גראדע ווענט, איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון מיטן טאג, און ענק האבן דעם סדר דרך הלימוד".

דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט צו הערן פון די בחורים אז זיי לערנען יעדן טאג ח"י פרקים משניות, ווי אויך אז זיי האבן געענדיגט גאנץ ספר בראשית. אזוי אויך זאגן זיי יעדן טאג דעם יום תהלים, און נאך און נאך.

די בחורים זענען ארויס גאר שטארק מחוזק פון דעם באזוך, וואס האט זיי גאר שטארק מחזק געווען ווייטער אנצוגיין מיט לערנען זייער שיעורים, און אזוי ווייטער אלע שיינע עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט אויס כסדר.

# היכל הקודש
# ניועס

אומאן

## זיצונג איבער די פלענער פאר אומאן תשפ"ה



פארגאנגענעם דינסטאג ויחי בשעת דער ראש ישיבה האט באזוכט אין שטעטל כדי צו קענען מיטהאלטן דעם שאלות ותשובות פאנעל ווי אויבן דערמאנט, האט דער ראש ישיבה אויך אויסגעניצט די געלעגענהייט צו זיצן מיט די חשובע אינגלייט וואס העלפן ארויס מיט די פינאנציאלע חלקים פונעם אומאן בנין, וואס דאס זענען מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו מו"ה העניך אינדיג הי"ו און מו"ה יואל הכהן הי"ו.

די מיטינג איז פארגעקומען אין שטוב פון מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו. מען איז איבערגעגאנגען די פרייזן וואס מען זאל בעטן פאר א בעט, און נאכן איבערגיין אלע צדדים איז ארויסגעקומען די החלטה אז אויף די העכסטע שטאק וועט קאסטן א בעט זיבן הונדערט דאלער, אזוי וועלן די וואס זענען גרייט צו גיין פיר שטאק ארויף - קענען האבן פאר גאר ביליג.

אויב ברענגט מען מיט א קינד און מען נעמט נישט קיין באזונדערע בעט - קומט צו נאר הונדערט דאלער פארן קינד, און אויב מען וויל שלאפן מיט צוויי קינדער אין איין בעט - איז דאס נאר נאך צוויי הונדערט דאלער.

די דריטע שטאק וועט זיין טויזנט דאלער א בעט, און די ערשטע שטאק - וואס מען דארף נישט גיין צופיל טרעפ ארויף - וועט זיין פאר דרייצן הונדערט דאלער.

דער עיקר איז מען זאל געדענקען צו מאכן תפילה אז מען זאל זוכה זיין אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

בני ברק

## חלוקה "ראשית דגנך" דורך היכל הקודש בני ברק



אין בני ברק גייען אן פילע פעולות צו מרבה זיין כבוד שמים, אויסער די בית המדרש, הפצה אקטיוויטעטן, די מוסדות גייען אן פילע פעולות פון חסד.

אין ארץ ישראל איז דא צדקה קאסע, וואס ווערט אנגעפירט דורכן הארדאנקער רבי שליט"א פון לאנדאן. דער הארדנעקער רבי שליט"א שטעלט צו צוויי דריטל פון דאס געלט, און די קהלה דארף צולייגן א דריטל.

איינע פון אנשי שלומינו מו"ה ישראל דוד ברוקמאן הי"ו האט זיך אונטערגענומען צו שאפן דאס געלט וואס די קהילה דארף צושטייער געבן. נאכן מסדר זיין אלע טעכנישע ענינים, דארף מען יעצטווארטן צוויי חדשים צו באקומען א באשטעטיגונג פון די הנהלה אין לאנדאן.

אויף דערווייל האט מען ב"ה געשאפן ברויט פון א נדבן וואס טיילט יעדע צוויי וואכן פרישע ברויט לכל דכפין, דערנאך האט דער אויבערשטער געהאלפן מען האט געטראפן א נדבן וואס האט זיך אונטערגענומען צו טיילן מילך, אזוי אויך האט מען באקומען פון די גראסערי' קאסט פרייז, וואס דער בעל הבית איז פון אנשי שלומינו וואס האט זיך זייער געפריידט צו קענען ארויסהעלפן.

מ'האט א נאמען געגעבן דעם חלוקה "ראשית דגנך", וואס ראשית איז ראשי תיבות ת' - תרומות און די איבריגע אותיות איז מוהרא"ש'ס נאמען און דער ראש ישיבה'ס נאמען.

אנשי שלומינו זענען זייער דאנקבאר די חשובע עסקנים.



# „מעשיות פון תפילה"

## משה שמואל שטעסל - ירושלים:

איך האב זייער א שיינע מעשה פון תפילה.

איך האב געהאט א לעקטער אין דיינינג רום וואס האט נישט געארבעט, אלעס וואס איך האב נאר פרובירט צו טון האט נישט געארבעט, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן און נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן און נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס זאל אנהייבן ארבעטן. און שכח אייבערשטער אז דאס וואונדערליכע האט פאסירט, עס האט אנגעהויבן צו ארבעטן.

איך האב זייער הנאה פון די בלעטל עס איז זייער שיין און זייער געשמאק.

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

יעדעס יאר דארף מען באנייען די אינשורענס פון די קאר.

פארגאנגענעם יאר האב איך (ליידער...) פארגעסן צו בעטן דעם אייבערשטן און דערפאר האב איך באצאלט איבער 6 אלפים שקל פאר די אינשורענס.

היי יאר בין איך נישט געווען אזוי נאריש און איך האב יא געבעטן אז כ'זאל האבן פאר ביליג...

איך האב גענומען פרייזן פון אפאר אינשורענס קאמפעניס, די ערשטע האט געוואלט איבער זיבן אלפים, די צווייטע האט מיך כמעט געצוואונגען צו שליסן מיט אים פאר זעקס און א האלב.

אבער דער אייבערשטער איז גרויס, ביים סוף נאכן בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן איז געקומען א פארשלאג פון...4,800 שקל! ביליגער פון בארשט!!

ווער ס'האט עס געהערט האט געזאגט אז ס'איז אוממעגליך, אבער דער וואס האט מיר געגעבן דעם פארשלאג האט געהערט אז איך וואוין אין צפת נעבן די קברים פון די צדיקים און אז איך בין געווען ביים רבי"נס ציון, האט ער מיר געזאגט אז לכבוד דעם גיט ער מיר א גוטן פרייז, אבער נאר אז איך וועל בעטן פאר אים ער זאל האבן א גוטן שידוך, וכך הוה, איך האב מתפלל געווען פאר אים ביים ציון מוהרא"ש.

שכח אייבערשטער.

2) איך האב געזוכט א היטש מוצאי שבת נאך מעריב.

איך האב געפרעגט איינע פון די אינגעלייגט וואס האט געהאט דארט א קאר אויב ער גייט צו מיין געגענט. זיין ענטפער איז געווען ניין.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל יא האבן א וועג אהיים שנעל און גרינג.

אזוי אינמיטן האט א אינגערמאן פון אנשי שלומינו וואס איז א 'הצלה' מעמבער באקומען א הצלה רוף... יא יא טאקע דארט ביי דעם געגענט וואו איך וויל אנקומען.

אוי איז ער געפלויגן מיט זיין קאר... איך בין אהיימגעקומען אזוי שנעל... בעסער ווי געראכטן.

3) אנשי שלומינו זענען געזיצן ביים עצתו אמונה פארברענג אין צפת, מען האט זייער שטארק געוואלט מיטהאלטן א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א, אבער מען טרעפט נישט די מאשין. מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל עס טרעפן ווי אמשנעלסטן. מען האט געקלינגען איין אינגערמאן וואס ער קען וויסן וואו עס ליגט, האט ער זיך אנגערופן אז ער האט ניטאמאל געוואוסט פונעם צאמקום. ברוך השם צום סוף איז ער אנגעקומען און ס'איז געווען זייער א שיינע שיעור.

4) איך האב געדארפט עפעס פאררעכטן אין מיין קאר וואס ס'קאסט אכט הונדערט שקל. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל היינט מאכן ארום טויזענט שקל ביי הפצה כדי צו קענען אהיימברענגען עפעס געלט און אויך צו פאררעכטן די קאר. למעשה האב איך געמאכט נאר צוויי הונדערט שקל. למעשה דער איד וואס האט מיר פאראכטן מיין קאר האט מחליט געווען נישט צו בעטן געלט... איך בין אויך שאקירט אבער דאס איז עס... ער זאגט מיר ניצט די געלט פאר הוצאת שבת.

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַאְרן הֶעלְפְן אַהֶער שְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע חֲתוּנָה; פַאְרן זָארְגְן פַאר דִי 'כַּלָּה בֶּענְקְל' בַּיים קַבָּלַת פָּנִים און פַאר דִי 'שֵׁיינֶע בְּלוּמֶען' פַאר דִי כַּלָּה. בַּאטֵייליגְטֶע בַּיי דִי שִׂמְחָה הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט צִי דָאס אִיז עֶכְטֶע בְּלוּמֶען, הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז: **'עֶכְטֶע פַאלְטְשֶׁע בְּלוּמֶען'**...

עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ הַארְץ וֵוייטָאג צוּ זֶען וִוי דִי וָואס רֵיינִיגְן בַּיי חֲתוּנוֹת וַוארְפְן אַוֶועק טֵייעֶרֶע עֶכְטֶע בְּלוּמֶען - וָואס מֶען הָאט גֶעצָאלְט פַאר דֶעם שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער - אִין מִיסְט אַרַיין; בִּשְׁעַת מֶען וֵוייסְט נָאךְ נִישְׁט פוּן וואוּ מֶען גֵייט בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט גֶענוּמֶען פַאר דִי בְּלוּמֶען. דֶערִיבֶּער דַאנְק אִיךְ אַייךְ פַארְן זָארְגְן אַז עֶס זָאל זַיין שֵׁיינֶע עֶכְטֶע פַאלְטְשֶׁע בְּלוּמֶען, וָואס דָאס לֵייגְט מֶען אַוֶועק פוּן אֵיין חֲתוּנָה פַארְן צְוֵוייטְן.

אִיר הָאט אַוַדַאי מִיט גֶעהַאלְטְן דִי חֲתוּנָה און גֶעזֶען וִוי פְרֵיילִיךְ עֶס אִיז גֶעוֶוען; מֶענְטְשְׁן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף רֶעדְן פוּן דִי חֲתוּנָה - וִוי שֵׁיין עֶס אִיז און וִוי נַארִישׁ עֶס אִיז אוֹיס צוּ גֶעבְּן טוֹיזֶנְטֶער דָאלָלֶער פַאר אַפָּאר שָׁעָה וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט און מֶען וֶוערְט אַ בְּלִיטִיגֶער אָרִימַאן. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר בַּיי דִי חֲתוּנָה פְרֶעגְן: "וָואס פֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָה? עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי שֵׁיין", הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אֵיין זַאךְ פֶעלְט - 'חוֹבוֹת'"**, עַל כָּל פָּנִים חוֹבוֹת פוּן דִי חֲתוּנָה נַאכְט אִיז נִישְׁט דָא; הָאבְּן זֵיי אַלֶע צוּגֶעשְׁטִימְט.

דֶערִיבֶּער דַאנְק אִיךְ אַייךְ און אִיךְ דַאנְק אַלֶע פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן עֶס זָאל זַיין אַזַא שֵׁיינֶע שִׂמְחָה; אַזוֹי אִידִישׁ, אַזוֹי הֵיימִישׁ, אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט, מִיט אַזוֹיפִיל חֵן.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר מָרַת ... תִּחְיֶ' אִיר צוּ דַאנְקֶען פַאְרן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין צוּ כַאפְּן בִּילְדֶער; אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר מִיר שִׁיקְן אַ לִיסְט פוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי עֶסְן וֶועל אִיךְ זֵיי אוֹיךְ שְׁרַייבְּן.

מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' הָאט גֶעקָאכְט דִי פִּישׁ און אַ פָּאטֶעטֶע קוּגֶעל; מָרַת ... תִּחְיֶ' הָאט גֶעמַאכְט דִי טָאמֶעטָא דִיפּ, דִי אִיבֶּערִיגֶע וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן זָאלְט אִיר מִיר מוֹדִיעַ זַיין אַלֶע זֵייעֶרֶע נֶעמֶען וֶועל אִיךְ שְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ. וַוייל עֶס גֵייט מִיר בְּנַפְשִׁי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט.

אַ גְרִיס פוּן אֵייעֶר זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט ...; עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶער אִינְגֶערְמַאן און עֶר טְשֶׁעפֶּעט בָּחוּרִים רַחֲמָנָא לִצְלָן. אִיךְ וִויל אַז עֶר זָאל עֶס הֶערְן אוֹיךְ פוּן אַייךְ; עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט אִים צוּ טוּן, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל עֶר אוֹיךְ נִישְׁט יֶעצְט אַרוּם לוֹיפְן דֶערְצֵיילְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ', נָאר עֶר זָאל וִויסְן אַז אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל אִים טְשֶׁעפֶּען זָאל עֶר יֶענֶעם נִישְׁט אָפְּשׁוֹינֶען, אָבֶּער אַז עֶר הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה זָאל עֶר פַאר זִיךְ שְׁטֵיין וַוייט, לֹא מִדֻּבְשָׁךְ וְלֹא מֵעֻקְצָךְ - אִיךְ בִּין נִישְׁט דַיין חָבֵר און אוֹיךְ נִישְׁט דַיין בַּר פְּלוּגְתָּא.

# א שיחה

פון דער ראש ישיבה שליט"א



## תיקון שובבי"ם

**בַּיים רֶעדְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** מענטשן קריכן א גאנץ יאר אויף גראדע ווענט, און בפרט יעצט שובבי"ם, מען ווייסט נישט וואס צו טון, מען מיינט אז תיקון שובבי"ם איז לערנען שעות רצופות, אדער פרישות אין שטוב, און מען ווערט אנגעגעסן פון דעם און מען לאזט אלעס אפ. דארפן מיר פארשפרייטן אז תיקון שובבי"ם איז גיין אין שול דריי מאל א טאג דאווענען, תיקון שובבי"ם איז לערנען אביסל חומש מיט'ן תרגום איינגעטיילט יעדן טאג לפי די פרשה, תיקון שובבי"ם איז זיך פרייען מיט די מצוות וואס מען טוט, זיך פרייען מיט די תפילין, מיט די ציצית, מיט שבת קודש, תיקון שובבי"ם איז זיין א ותרן אין שטוב, זיך פירן מיט די ווייב מיט סבלנות, תיקון שובבי"ם איז נישט האבן קיין קשיות אויף די אמונה, וויסן און געדענקען אז דער אייבערשטער איז נאר גוט, "טוֹב ה' לַכֹּל" (תהילים קמה, ט), דער אייבערשטער מאכט נאר גוט, און וואס מיר גייען אריבער - דאס איז נאר גוטס; דאס איז תיקון שובבי"ם.

די יאר האבן מיר שובבי"ם ת"ת - אכט וואכן וואס מיר קענען פאררעכטן אלע אונזערע נישט גוטע מעשים.

איך וויל אייך מחזק זיין איר זאלט אלע זאגן יעדן טאג דעם יום תהלים, איר ווייסט דאך אלע אז דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה פלעגט יעדן טאג זאגן דעם יום תהלים, און אין די טעג פון שובבי"ם פלעגט ער זאגן דעם יום תהלים צוויי מאל א טאג; לאמיר זאגן דעם יום תהלים יעדן טאג, דאס וועט אונז ברענגען צו די גרעסטע דרגא.

דער רבי זאגט (ספר המדות אות המתקת הדין, סימן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין"; יעצט אין די ימי השובבי"ם זוכט יעדער תיקונים, מקוה איז די ערשטע זאך. דער רבי ביים מגלה זיין די תיקון הכללי האט זיך אויסגעדרוקט: "דאס ערשטע איז מקוה".

(מכתב ליל שישי בשלח, כ"ו שובבי"ם, י"ב שבט, תשפ"ג. ערב שבת קודש ויחי, י"ג טבת, שנת תשפ"ב. יום ג' וארא, י' שובבי"ם, כ"ד טבת, תשפ"ג)

# די טעג פון שובבי"ם




## זאג תהילים אנשטאט פאסטן

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גֵייעֶן הַיינְט אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִ"ם, וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, תִּיקוּן כז): אַז אִין דִי טֶעג קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, בִּפְרָט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית; וָואס וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ קֶען מֶען אִין דִי טֶעג אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר: "וָואס טוּט מֶען?" "וִוי הֵייבְּט מֶען אָן פַארְרֶעכְטְן?" מִיר זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי טִיף פַארְזִינְקֶען אִין דִי עֲבֵירָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן דַארְף עֶר פַאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים (פִיר אוּן אַכְצִיג טֶעג) פַאר יֶעדֶעס מָאל בַּאזוּנְדֶער. קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדַארְפְט לֶעבְן טוֹיזְנְט יָאר עֶר זָאל הָאבְן גֶענוּג טֶעג צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמִים, אִיז לְמַעֲשֶׂה וִוי הֵייבְּט מֶען אָן?!

קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא): "וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר וָואס דַארְף עֶר פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן?" אַז מֶען וֵוייסְט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט מֶען אַז מֶען פַאסְט אוּן מֶען טוּט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוִויסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, נָאר אִיךְ וָואלְט שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הִתְבּוֹדְדוּת".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִילִים, דֶערִיבֶּער אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי שׁוֹבָבִ"ם טֶעג זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם צַדִיק רֶבִּי רְפָאֵל פוּן בֶּערְשִׁיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס מִקָארִיץ זִ"ע, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּהִילִים אֲפִילוּ קַאלְט אָן קַיין הִתְעוֹרְרוּת. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "זָאגְט אֲפִילוּ אַ קַאלְטְן קַאפִּיטְל תְּהִילִים, נָאר דֶער עִיקָר אִיר זָאלְט זָאגְן תְּהִלִים"; דֶער רֶבִּי הָאט דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, וַוייל עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶער וֶועלְט צוּ זָאגְן תְּהִילִים.

עצתו אמונה שמות תשע"ט

## זיין פריילך שבת

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּן דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִ"ם, דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הִיטְן דֶעם שַׁבָּת.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן דֶעם מֶדְרָשׁ (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, ג): "כְּבוֹד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת", אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ שַׁבָּת אוּן מֶען אִיז מְעַנֵג דֶעם שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים; דָאס אִיז וָואס מִיר קֶענֶען נָאךְ טוּן צוּ מְתַקֵן זַיין אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

דֶערִיבֶּער קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אַז מִיר וֶועלְן אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן עֶר וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ קַטְנוּת

און מַאכְט כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שׁוֹין פוּן פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער נָאךְ פְרִיעֶר: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן דֶעם שַׁבָּת, אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאל אִיךְ נָאר טַאנְצֶען און שְׁפְּרִינְגֶען און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן הֵיילִיגְן שַׁבָּת".

עצתו אמונה שמות תשע"ט

## רעדן צו די קינדער פון קדושה

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְגֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן מִיר זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן שׁוֹבָבִי"ם הֶערְן דִבְּרוֹת קוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מֶען הָאט גֶעהֶערְט דִי טֶעיִפְּס פוּן דִי שׁוֹבָבִי"ם תּוֹרוֹת וִוי דֶער רֶבִּי זי"ע פְלֶעגְט וֵויינֶען מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן און זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט פּוֹגֵם צוּ זַיין בְּמִידַּת הַיְסוֹד, דָאס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּנְזֶער נְשָׁמָה און אִין אוּנְז אַרַיין גֶעלֵייגְט יִרְאַת שָׁמַיִם, זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ מַיינֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית; אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין סַאטְמֶערֶער חֵדֶר אִין בָּארָא פַּארְק, דָארְטְן רֶעדְן דִי מְלַמְּדִים פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעהֵייסְן, אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ און זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אָן קַיין הֶסְבֵּרִים און אָן קַיין טְעָמִים; מֶען לֶערְנְט דָאס פוּן קִינְדְוַויְיז אָן. טַאטֶע מַאמֶע דַארְפְן דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין חַזְרְ'ן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

וֶוען מֶען וַואשְׁט דָאס קִינְד און וֶוען דָאס קִינְד גֵייט אִין בֵּית הַכִּסֵּא חַזְרְ'ט מֶען דָאס מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט מִיט אִים אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִלְכוֹת מוּקְצֶה, דַארְף מֶען יֶעדְן שַׁבָּת נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל חַזְרְ'ן מִיט דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְכַאפְּן קַיין מוּקְצֶה, און וֶוען מֶען זֶעט אִים אָנְכַאפְּן אַ מוּקְצֶה'דִיגֶע זַאךְ זָאגְט מֶען אִים: "שַׁבָּת", "מוּקְצֶה", - בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִינֶעם קִינְד; עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז אַ אִיד טָאר נִישְׁט אָנְכַאפְּן שַׁבָּת קַיין מוּקְצֶה'דִיגֶע זַאכְן.

אַז דַיין קִינְד וֶועט דִיר פְרֶעגְן: "טַאטֶע, פַארְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט אָנְכַאפְּן מוּקְצֶה?" וֶועסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן: "וֶוען דוּ וֶועסְט עֶלְטֶערְן וֶוערְן וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין", אָדֶער דוּ וֶועסְט אִים זָאגְן פְּרָאסְט און פָּשׁוּט: "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"? אַזוֹי אִיז מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית; וָואס מֵיינְט פְּגַם הַבְּרִית? "אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן בְּרִית", וָואס מֵיינְט זַיין הֵיילִיג? "זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן", פַארְוָואס? "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט".

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אַז דִי מְלַמְּדִים און מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן דֶערְפוּן וַוייל נִישְׁט אַלֶע מְלַמְּדִים און מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן פוּן דֶעם, דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים און מְלַמְּדִים וֵוייסְן נִישְׁט דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זי"ע הָאט נָאכְגֶעזָאגְט בַּיי דִי אֲסִיפַת מְלַמְּדִים דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט אִין בָּבֶל וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים אִין דִי יָארְגֶענְג פוּן אַכְצְן בִּיז צְוָואנְצִיג יָאר, נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטָאט און אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵּד, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער און אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע תַּלְמִידִים, פַארְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא - הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן - זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל און פְרֶעגְט מִיר: "אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן..." וְאָמַר לִי "לֹא יָפָה עָשִׂיתָ שֶׁאַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם", הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "וֵויין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ", אָמַרְתִּי לוֹ "מִפְּנֵי מָה?" וְאָמַר לִי "שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זי"ע אוֹיסְגֶעפִירְט: "זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית".

וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי זֶען אַסַאךְ נַחַת בַּיי זֵיי.

עצתו אמונה ויגש תש"פ





# א מַעֲשֶׂה פוּן א צַדִּיק

## אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי בַּאנְק

אֵייְנְמָאל הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט פַאר ר' אֶפְרַיִם דִי זוּן פוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי ז"ל: "דוּ פְרוֹיקֶע מִיט דַיין קֶעפֶּעלֶע, זָאל אִיךְ זִיךְ רֶעכְנְן אַז 'נַחְמָן' הָאט מֶער גֶעפִיל אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וִוי דוּ"?

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערוּפְן דֶעם ר' אֶפְרַיִם "פְרוֹיקֶע" בְּלָשׁוֹן חִבָּה. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט צוּ אִים: אִיךְ זֶע אַז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט מֶער אַ גֶעפִיל אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וִוי דִיר.

אַזוֹי וַוייט הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁפִּירְן דִי לֶעכְטִיגְקֵייט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַז טְשֶׁערִינֶער רָב ז"ל פְלֶעגְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינְטֶערְן טִיר כְּדֵי אוֹיסְצוּהֶערְן זַיין פָּארְלֶערְנֶען, וַוייל אוֹיבּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל צוּ הֶערְן זַיינֶע דִיבּוּרִים, פְלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן אוֹיפְהֶערְן פָּארְלֶערְנֶען, אוּן גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר טְשֶׁערִינֶער רָב פָּארְצוּלֶערְנֶען, אָבֶּער טְשֶׁערִינֶער רָב הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט אִים הֶערְן פָּארְלֶערְנֶען, הָאט עֶר זִיךְ לְכָבוֹד דֶעם בַּאהַאלְטְן אִינְטֶערְן טִיר.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל פְלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַיין גָאר אַ גֶעלַאסֶענֶער אוּן אַ גְרוֹיסֶער סַבְלָן, אוּן מִיט דֶעם אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, אוּן לְכָבוֹד דֶעם הָאט עֶר טַאקֶע שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דֶער רֶבִּי בְּרֶענְג (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') עַל יְדֵי שֶׁשּׁוֹתְקִים לִמְחָרְפוֹ וּלְמְבַזוֹ, זוֹכֶה לְכָבוֹד אֱלֹקִים, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען שְׁוַוייגְט וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵייְנְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי'ס אֵיינִיקְל - וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד - גֶעוָואלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ בַּאנְק אִין קְלוֹיז אִין שְׁטָאט אוּמַאן, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שְׁוֶוערֶע בַּאנְק, הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין אִיבֶּערְדְרֵייעֶן. אִיז רֶבִּי נַחְמָן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "וַוארְט אוֹיס אִינְגֶעלֶע, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם בַּאנְק". אוּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מִיט אַ הוֹיעֶךְ קוֹל אוּן מִיט אַ הִתְעוֹרְרוּת דֶעם פָּסוּק (אֵיכָה ג, כז) "טוֹב לְגֶבֶר כִּי יִשָּׂא עַל בִּנְעוּרָיו", עֶס אִיז גוּט צוּ אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן. דֶער קִינְד וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נַחְמָן זָאגְן מִיט אַזַא תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט. אוּן עֶר הָאט אַלֶע זַיינֶע יָארְן פַארְצֵיילְט אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ גוּט דֶעם מַעֲשֶׂה, אוּן יֶעדֶע מָאל עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה וֶועקְט עֶס אִים אוֹיף פוּן שְׁלָאף.



נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זָאגְן אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן דִי שְׁטָאט טִירְהָאוִויצָא וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע עוֹבְדֵי הַשֵּׁם: "עוֹבְדִים זֶענֶען זֵיי, אָבֶּער אַן עֵצָה קוּמְט מֶען פְרֶעגְן מִיר".

(ספר אילן החיים סימן קנ -קנד)





# דעם הייליגן רבינ׳ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- מ׳ -**

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** : דֶער רֶבִּי צִיעֶט זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע וואוּ מְ׳נֶעמְט אִים אוֹיף זֵייעֶר שֵׂיין. יוֹם כִּיפּוּר דַאוֶוענְט עֶר אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל. צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָארְט בַּאשְׁלָאסְן צוּ מַאכְן מַחְלוֹקֶת, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַעֲשִׂיוֹת.

* * *

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶערְקֶערְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דִי מַחְלוֹקֶת, וַוייל עֶר אִיז אַרוּמְגֶעפָארְן אַסַאךְ אוּן גֶערֶעדְט אִיבֶּעראַל שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם אַז עֶר מַאכְט מַחְלוֹקֶת אוּן דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים זַאכְן וָואס הָאבְּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן אָדֶער גֶעטְרַאכְט דֶערְפוּן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז סְ׳טוּט אִים זֵייעֶר וֵוויי אַז מְ׳הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי מַחְלוֹקֶת צוּ אִים.



דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים קי״ח, ז) ״וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי״, לִכְאוֹרָה אִיז דָאךְ שְׁוֶוער, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט אַז זַיין פַּיינְט אִיז שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען אַ נְקָמָה אִין אִים? חֲזַ״ל זָאגְן דָאךְ (מוֹעֵד קָטָן ט״ז:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוּאֵל ב׳ כ״ב, א׳) ״וַיְדַבֵּר דָּוִד לַה׳ אֶת דִּבְרֵי הַשִּׁירָה הַזֹּאת בְּיוֹם הִצִּיל ה׳ אֹתוֹ מִכַּף כָּל אֹיְבָיו וּמִכַּף שָׁאוּל״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ, ״דָוִד, דוּ זִינְגְסְט שִׁירָה אוֹיף דִי מַפָּלָה פוּן דָוִד שָׁאוּל וֶוער דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען שָׁאוּל אוּן עֶר דָוִד, וָואלְט אִיךְ גֶעמַאכְט פַארְלִירְן אַסַאךְ דָוִד׳ס צוּלִיבּ אִים״, וַוייל שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל רֶעכֶענֶען דָארְט אוֹיס זַיין גְרוֹיסְקֵייט. וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דָוִד הָאט גֶעוָואלְט זֶען נְקָמָה אִין שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ?

נָאר דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אוֹיגְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זֶען אִין מַיין פַּיינְט, אִיךְ זָאל זֶען וואוּ עֶר שְׁטֵייט, אִיךְ זָאל וִויסְן אִין וֶועלְכֶע מַדְרֵיגָה עֶר אִיז יֶעצְט, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ וִויסְן פוּנְקְטְלִיךְ זַיין מַדְרֵיגָה״.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ״אִיר זָאלְט וִויסְן מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער אוּן פְרַיינְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ אוֹיסְזָאגְן אַ סוֹד, אוּן אִיר זָאלְט בַּאהַאלְטְן דֶעם סוֹד עֶס זָאל זַיין נָאר צְוִוישְׁן אַייךְ, נִישְׁט צוּ מַאכְן מֶער מַחְלוֹקֶת, וְכוּ׳״.

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד פוּן רֶבִּי׳ן, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעבְּלִיבְּן אִין כְּתַב יַד, מְ׳קֶען עֶס נִישְׁט דְרוּקְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי״ע הָאט גֶעהֶערְט וָואס דִי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע צְוֵויי מַלְשִׁינִים הָאבְּן גֶעטוּן, אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע פַאלְשֶׁע מַעֲשִׂיוֹת, הָאט עֶר זֵיי שְׁטַארְק גֶעשָׁאלְטְן מִיט דִי קְלָלָה וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי מְרַגְּלִים וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, אַז זֵייעֶר צִינְג זָאל זִיךְ אוֹיסְצִיעֶן בִּיז זֵייעֶר בּוֹיךְ (סוֹטָה ל״ה.).

וֶוען דֶער מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי״ע הָאט גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן אִין זְלַאטִיפָּאלֶע, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, ״פַארְוָואס הָאט אִיר מִיר נִישְׁט גֶעשִׁיקְט פָארְאוֹיס קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע, אִיךְ וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט דִי אָרְטִיגֶע נְגִידִים אוּן דַאן וָואלְטְן זֵיי אַייךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען דָארְט אִין שְׁטָאט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד וִוי עֶס פַּאסְט?״.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט וַוארְטְן, וָואלְט אִיךְ אַרַיין אִין זְלַאטִיפָּאלֶע מִיט אַ פְּרַאכְטְפוּלֶער קַארֶעטֶע מִיט גָאר גְרוֹיס כָּבוֹד, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוארְטְן, וַוייל פוּן הִימְל הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט שׁוֹין דָארְט אַרַיינְגֵיין״.

טְרָאץ דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, זֶענֶען דֶעמָאלְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אַ שְׁטֵייגֶער וִוי ר׳ יִצְחָק אַייזִיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט שְׁטַארְק פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וואךְ אי״ה
**גענומען פון ספר ״פְּעֻלַּת הַצַדִיק״**

געדאנקען

משה ארי' שניצלער

# יא טערעפי<br>נישט טערעפי



יא טערעפי? נישט טערעפי? ביי וואס בלייבט עס?

ברסלב האלט יא פון טערעפי? ברסלב האלט נישט פון טערעפי?

וואס טוט זיך למעשה?

למעשה האבן מיר באוויזן צו לייגן א האנט אויף משה'לעס "טערעפי טאג-בוך" וואו ער שרייבט אריין זיינע טערעפי סעסיעס.....

**דינסטאג האלב זעקס אינדערפרי:**

"רעדן צום אייבערשטן ביים עפענען די אויגן" טערעפי:

שכח אייבערשטער האסט מיר געגעבן נאך א טאג! העלף איך זאל טראכטן פון דיר, העלף איך זאל רעדן צו דיר אזוי ווי מ'רעדט צו א גוטן פריינד. העלף איך זאל געדענקען א גאנצן טאג אז דו ביסט דא און דו קוקסט אויף מיר.

"נעגל וואסער" טערעפי:

עס איז א באוואוסטע זאך צווישן די וואס קענען זיך אויס מיט פחדים והמסתעף אז נעגל וואסער איז זייער ווירקזאם קעגן אלע סארט פחדים.

(פרייז: געוועגליך קאסט עס נישט מער ווי די פרייז פון צען אונצעס וואסער)

"מקוה" טערעפי:

מקוה געבט א נייע האפענונג, מקוה מעקט אויס עבירות רחמנא ליצלן (עבירות מאכט דיפרעסט, מקוה טערעפי נעמט אוועק די עבירות, במילא גייט אוועק די גאנצע דיפרעשן)



(פרייז: דריי דאלער)

"שחרית" טערעפי:

שחרית טערעפי באזיצט צוויי הויפט בענעפיט'ן מיט נאך אסאך זייטיגע פאזיטיווע רעזולטאטן.

די ערשטע זאך פון שחרית טערעפי איז בעיקר אז די קינדער זאלן נישט חס ושלום אוועק גיין פון אידישקייט, ווייל דער רבי זאגט אז שחרית מנחה מעריב האלט א מענטש ביי אידישקייט, אז מ'דאווענט נישט פאלט מען חס ושלום אוועק פון אידישקייט, און






מוהרא"ש זאגט דאך אז די עיקר פון חינוך איז, אז מ'איז זיך אליינס מחנך, ווייל קינדער טוען וואס די עלטערן טוען, ממילא קומט אויס אז דאווענען שחרית איז א טערעפי אז די קינדער זאלן נישט גיין אויף שלעכטע וועגן השם ירחם.

אויך איז נייטיג צו וויסן וועגן די שחרית טערעפי אז מוהרא"ש האט געזאגט ווער ס'דאוונט מיט מנין וועט האבן געלט! וסימנך ווער ס'דאוונט מיט מנין וועט האבן א "דבר שבמנין".

(פרייז: רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו פלעגט זיך בארימען אז געוועגליך הייסט עס אז גיין אין שול צו שחרית קאסט נישט קיין געלט, אבער אז מ'דאוונט אין סאטמאר קאסט עס יא, ווייל אין סאטמאר גייט מען נאך געלט כסדר און מ'מוז האבן געלט צו געבן)

"חומש" טערעפי:

נאך די שחרית טערעפי נעמט מען איין פון די חומש טערעפי, וואס דאס מאכט פריילך, ווייל דער רבי' זאגט אז מעביר סדרה זיין איז א תיקון אויף עבירות פון פגם הברית וואס מאכט דעפרעסט.

"משניות" טערעפי:

דאס איז בעיקר געמאכט פאר מענטשן וואס קענען באשטיין צו האבן געלט, אדער ארויסגיין פון חובות וכדומה, ווייל מוהרא"ש האט געזאגט אז משנה איז בגימטריא פרנסה, אז מ'זאגט משניות ווערט מען רייך, מ'האט שוין געמאכט מערערע קליניקל טעסט'ס אהערצושטעלן סייענטיפישע באווייזן אויף דעם, די רעזולטאטן זענען געווען שטוינענד. לעצטנס האט מען געהערט אז ס'איז דא א ברסלב'ע שטעטעלע אין ליבערטי ניו יארק וואו עטליכע מלמדים און מערערע מענטשן מיט אזויגערופענע פשוט'ע פרנסות וואס האבן געזאגט משניות האבן זיך איינגעהאנדלט צען רומיגע הייזער אויף צוויי דריי אקער לאנד.

**מוהרא"ש האט געזאגט אז זאגן משניות הרג'עט די יצר הרע.**



אויך איז די סארט טערעפי זייער שטארק פאר מענטשן וואס דארפן חיזוק אויף שמירת עיניים, מוהרא"ש האט געזאגט אז זאגן משניות הרג'עט די יצר הרע.

"גמרא" טערעפי:

דאס איז געמאכט פאר די דאזיגע מענטשן וואס נויטיגן זיך אין א טאפלטע דאזע פון פרנסה סגולות, ווייל מוהרא"ש זאגט אז







תלמוד איז בגימטריא "פת", ווער עס נעמט איין פון די דאזיגע טערעפי איז פארזיכערט מיט פרנסה, עס לוינט צו פרובירן.

נאך א בענעפיט פון די גמרא טערעפי איז, אז ס'מאכט פרייליך, ווייל מוהרא"ש זאגט, אז תלמוד איז בגימטריא די נאמען פון די מלאך וואס איז מכשיל דעם מענטש מיט עבירות רחמנא ליצלן, און ער ווערט פון דעם סיי דערביטערט און טרויעריג, סיי ער הייבט אן מסביר זיין טאג און נאכט פאר זיין ווייב אז זי האט די חסרון און יענע חסרון, וואס דאס ווערט ביי טייל רופאי נפשות אנגעוויזן אלץ א סימן פון אזא מין סארט טיפע דיפרעסיע.

"פרישטאג" טערעפי:

דאס איז אזא מין סארט טערעפי וואס גייט געקניפט און געבינדן מיט "ברכות" טערעפי, דאס הייסט אז מ'מאכט א ברכה אויף יעדן מאכל פארדעם און נאכדעם, אזוי געדענקט מען בעסער אז די עסן קומט פון דעם אייבערשטן און מ'לייגט צו אביסל "תפלה" טערעפי, באשעפער העלף איך זאל אינדזשויען מיין עסן, באשעפער העלף איך זאל האבן גוטע קאמפאני ווען איך עס לאנטש אין ארבעט.

"פרנסה" טערעפי:

די סארט טערעפי איז בעיקר פאר מענטשן וואס ווילן נישט אריינפאלן אין חובות, די סטאטיסטיקער צייגן אן אז מענטשן מיט חובות פונקציאנירן מיט א האלבן מח וויינינגער, ווייל די חובות דרוקט אויף די רעכטע האלב מח, במילא בלייבט ער מיט א האלבע לינקע מח וואס קען נישט פראדוצירן גארנישט, חוץ פון זיין נערוועיז און פראסקענען קינדער. די דאזיגע וואס נעמען די פרנסה טערעפי האבן ביז עטליכע טעג געוויזן צייכענעס פון שנעל ארויסגיין פון חובות און אויספילן די צייט מער ווי די דאזיגע וואס אפווייכן פון פרנסה טערעפי שוין פאר עטליכע דורות.

**תלמוד איז בגימטריא "פת", ווער עס נעמט איין פון די דאזיגע טערעפי איז פארזיכערט מיט פרנסה**

די וועג ווי אזוי מ'טוט די פרנסה טערעפי איז אז מ'געבט אויף די שיינער-איד'שאפט און מ'נעמט סיי וואס פארא פרנסה מ'קען געפינען. אויב מ'זעט אז ס'איז וויכטיג פאר די בלוט-דרוק צו הייסן א מענעדזשער, קען מען אויפשרייבן אויף א שטיקל פאפיר "איך בין דער מענעדזשער איבער אלע מענעדזשערס" און עס חזר'ן הויך אויפ'ן קול דריי הונדערט מאל א טאג, אויף א ליידיגן מאגן.

מיט דעם האבן מיר געענדיגט די ערשטע האלב טאג אונטער די דערמאנטע טערעפי סעסיעס.

**צוויי אזייגער מיטאג:**

"מנחה" טערעפי:

די סארט טערעפי האט ענליכע שטריכן צו די אויבנדערמאנטע "שחרית" טערעפי, די קליניש באוויזן זענען כמעט די זעלבע.

"ערליכע לאנטש" טערעפי:

# אפדאנקען





דאס איז גאר א ווירקזאמע טערעפי, די וואס זענען די מערסטע סוקסעספול מיט די סארט טערעפי זענען די וואס האבן זיך געוואשן, געמאכט א המוציא, געגעסן זיצעדיג מיט דרך ארץ, שטייטעלעך און רואיג, עס קומט שטארק צוניץ צו האבן א בענטשער'ל ביי די האנט, וואס דאס איז גורם די ערגענצונג פון די דאזיגע סארט טערעפי. (מוהרא"ש האט מבטיח געווען אז אלע וואס בענטשן אין א בענטשער וועלן זיין רייך)

"אנרופן די ווייב" טערעפי:

די וועג ווי אזוי מ'מאכט די סארט טערעפי ארבעט בערך אזוי: מ'נעמט די סעלפאון, מ'רופט אן די ווייב, מ'הערט אויס אז די בעיבי האט געקוויטשעט ביינאכט, מ'זאגט איר אז אונז גיימיר בעטן די אייבערשטער אז די נאכט זאל די בעיבי שלאפן א גאנצע נאכט. מ'הערט אויס די ווייב אז זי האט נאכנישט קיין קלייד פאר איר שוועסטערס חתונה, מ'זאגט איר אז ביז עטליכע טעג וועלן מיר האבן גענוג געלט צו קויפן די דרעס און ווי די סענטשורי.

די סארט טערעפי קען גורם זיין אז עס זאל אוועקנעמען די נאכווייען פון די נעכטיגע שטרייט איבער וואו מ'זאל גיין שבת, צו באבי שווארץ אדער צו באבי ברוין, אין רוב פעלער ווערט אלעס miraculously קריסטאליזירט ווען דער מאן רעדט צווי דריי גראדע געזונטע פארגינערישע ווייכע ווערטער.

אין טייל פעלער קען דער דאזיגער טעלעפאון רוף גורם זיין אז די פרוי זאל צוריק אנהייבן מיט די איבערגעעציגענע טשיקן ספאפער'ס כמאז ומקדם, און אלע אלטע רוגזא'ס ווערן אנטרינען ווי די שניי פון דריי יאר צוריק.

**מ'הערט אויס די ווייב אז זי האט נאכנישט קיין קלייד פאר איר שוועסטערס חתונה**

עקאנאמיסטן געבן איבער אז די סארט טערעפי רופט זיך אפ נעגעטיוו אויף די וואס נעמען פיר מאות א שעה און לערנען אויס אינגעלייט און ווייבעלעך אז "קודם זאל מען זיך ספעפרעיטן פאר א וואך צוויי", (השם ירחם), ביז מ'מאכט סדר, און נאכדעם וועט מען צוריקגיין ווען אלעס איז שוין מסודר.

אט די זעלבע עקאנאמיסטן ווייסן אויך אנצוצייגן אז די קינדער וואס קומען פון די שטובער וואו דער מאן האט יא גערעדט שיין און דאדורך פאראורזאכט אז די טשיקנס זאלן יא ווערן איבערגעעציגן און געפרעגלט, שפארן אסאך ארבעט פאר די מחנכים ווייל זיי זענען פריילעכער און רואיגער און פאלגזאמער. ווייל אין די פעלער וואו דער מאן איז ברויזענד און demanding דארפן די מחנכים פשוט ארבעטן שווערער צו ערגענצן פאר די קינדער דאס ביסל רואיגקייט וואס זיי באקומען נעבעך נישט אין שטוב.

ביז דא איז עטליכע קורצע עקזעמפלארן פון משה'לעס טאג בוך, ביטע נישט אויסזאגן פאר משה'לען אז מ'האט געלייגט א האנט אויף פרי עמלו.

עס ליגט אויף'ן טאגעס ארדענונג די פראגע צו מיר זאלן אנטפלעקן נאך עטליכע טערעפי-עקזעמפלארן. דערווייל איז דאס גענוג אויף היינט. פרובירט עס אויס, איר וועט ווערן א נייער מענטש.

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*




## אפיסעס צו פארדינגען

הערליכע שיינע אפיסעס, גרויסע און קליינע, צו פארדינגען אויף מעין סטריט אין ליבערטי.

פאראינטערסירטע רופט אדער טעקסט

646-462-8189




א שיינע אײן רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש גענגעט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה

347-578-4449

## Catskill Professional Plaza

געשמאקע שיינע הערליכע ליכטיגע באקוועמע אפיסעס אוועילעבל.

רופט היינט.

646-938-2503

39oldmonticello@gmail.com

סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס שמחה ווילן
מיר וואונטשן א
הערצליכן ברכת מזל טוב
פארן אונזער באליבטער
פריינד, אהוב לשמים
ואהוב לבריות

מוה"ר

# משה יחיאל פעלדמאן

הי"ו

## צום געבוירן א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן די גרויסע זכותים פון העלפו דרוקן דעם הייליגן רבי'נס ספרים זאל אייך ביישטיין איר זאלט האבן השפעות טובות בני חיי ומזוני רויחי, איר זאלט זען אסאך אידיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, זיי זאלן וואקסן און שטייגן בתורה ויראת שמים, איר זאלט זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, און זען אסאך אידיש נחת.

אמן

ווי עס וואונטשט

**הנהלת קרן הדפסה**

היכל הקודש ברסלב

---

סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס שמחה ווילן
מיר וואונטשן א
הערצליכן ברכת מזל טוב
פארן אונזער באליבטער
פריינד, אהוב לשמים
ואהוב לבריות

מוה"ר

# לוי יצחק זאפיר

הי"ו

## צום אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן די גרויסע זכותים פון העלפו דרוקן דעם הייליגן רבי'נס ספרים זאל אייך ביישטיין איר זאלט האבן השפעות טובות בני חיי ומזוני רויחי, איר זאלט זען אסאך אידיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, זיי זאלן וואקסן און שטייגן בתורה ויראת שמים, איר זאלט זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, און זען אסאך אידיש נחת.

אמן

ווי עס וואונטשט

**הנהלת קרן הדפסה**

היכל הקודש ברסלב

# א מיואש'דיגע מעריב



ישראל דוד העסקעל

**דאס** איז עס! מ'גייט אנהייבן מיט א נייע התחלה, וואס איז געווען איז געווען, מ'גייט נישט קוקן אויף צוריק, אלע אלטע מעשיות בלייבן איבער ביי די אלטע צייטן מ'גייט אנהייבן מיט א התחדשות!

דער בחור איז איבערגעפילט מיט פרייד, אט ענדיגט ער שוין די ישיבה קטנה יארן און גרייט זיך צו ווערן 'א עכטע גרויסע בחור' מ'גייט שוין באלד אריין אין ישיבה גדולה!

צופיל גוטע זכרונות פון ישיבה קטנה האט ער נישט געהאט. פארברענגט רוב צייט מיטן שפילן מייזל קעצל מיט'ן משגיח, אריין אין שיעור צימער, ארויס פון שיעור צימער, דער מנהל רופט אריין אין אפיס... דער ראש ישיבה מוז זיצן מיטן בחור צוזאמען מיט זיין טאטע.... אזוי האט ער דורכגעשוויצט די ישיבה קטנה יארן.

יעצט אבער איז שוין א אנדערע מעשה, ער איז שוין א מבוגר, ער גרייט זיך שוין פאר ישיבה גדולה, ער גייט זיך נעמען אין די הענט אריין. ער גייט אין א ישיבה דריי שעה אוועק פון זיין שטוב ער גרייט זיך אין קאפ מיט הכנות אז 'דאסמאל גיי איך עס מאכן!'

ער גייט מיט גרויס שמחה צום ספרים געשעפט מיט די ליסטע פון אלע ספרים



וואס ער וועט דארפן, צום ערשט א בבא בתרא גמרא, די רויטע צוזאמען מיט אלע דריי חלקים קובץ מפרשים, א שלחן ערוך הלכות שבת מיט א משנה ברורה, דריי נאטיצן ביכלעך, א פעקל פעדערס, א חובת הלבבות און ער געבט שוין א ווארף אריין א סידור המפורש אויך ס'זאל זיך קענען גוט דאווענען!

מיט פיל האפענונג גרייט ער זיך צו באצאלן פאר זיינע ספרים, ער קוקט מיט הנאה אויפן ריזן הויפן ספרים וואס ער האט זיך איינגעהאנדלט, ער חלומט זיך שוין ווי ער זיצט ביי די שיעורים און שרייבט נאך ווארט נאך ווארט בשעתן טרינקען די גרויסע חידושים פונעם מגיד שיעור - זאל זיין וואס זאל זיין איך גיי עס מאכן, איך גיי ווערן א עכטע מתמיד!

ער גרייט זיך שוין מיט פעסטע הכנות צום גרויסן טאג וען ער וועט מיט אלע זיינע געפעק זיך ארויפזעצן אויפן באס צו מאכן דעם לאנגן רייזע אין ישיבה, ער גייט מקיים זיין דעם הוי גולה למקום תורה... ער ציילט



שוין די שעות און מינוטן ווען ער וועט זיך שוין זען אלס א ישיבה גדולה בחור - ס'גייט גיין א רויך.

ענדליך איז די מינוט אנגעקומען, ער שטייט אינדרויסן פון זיין שטוב און געזעגנט זיך ווארעם פון זיינע עלטערן און ער שפאנט מיט גאר פרייליכע טריט צום באס.

אויפן לאנגן רייזע איז אים נישט געלונגען צו קענען פארמאכן אן אויג, ער איז אויסער זיך פון איבערראשונג, ער הערט נישט אויף דמיונ'ען ווי גוט עס גייט אים גיין אין די נייע ישיבה אפשר וועט ער גאר זיין דער רבי עקיבא איגר בדורו?

ער דמיונ'ט, ווי ער טענ'הט זיך אין לערנען מיט'ן ראש ישיבה און נאך עטליכע שעה איז ער מנצח דעם ראש ישיבה, יעדער פאטשט פאר אים, ער באקומט גרויס כבוד מ'הייבט אים אויף אויף א בענקל ווען יעדער זינגט 'ימים על ימי מלך תוסיף שנותיו כמו דור ודור.'

מ'איז אים גאר מכבד אנצוהייבן געבן טיפע עיון שיעורים פאר די גאנצע ישיבה און ער שטייגט אן אויפהער! זיינע נאוט בוקס ווערן פארוואנדלט אין טיפע לומדישע ספרים, די עולם התורה רעש'ט מיט זיין נאמען, ס'איז ממש געוואלדיג!

ער דמיונ'ט זיך ווייטער ווי אזוי אלע חברים געבן אים גרויס כבוד, יעדער וויל נאר זיין זיין חברותא, יעדער וויל זיין אין זיינע ד' אמות, זיינע עלטערן שעפן נחת אן אויפהער, ער פארהערט זיך שוין ביי די גרעסטע גדולים פונעם דור און כולם פה אחד זאגן אז אזאנס האבן זיי נאך נישט געזען, ממש א בקי בכל התורה כולה, וואו מ'פרעגט אים ווייסט ער גלייך צו ענטפערן ס'איז ממש מורא'דיג!

ער זיצט זיך אין זיין באשיידן ווינקל דארט אינעם גרויסן היכל הישיבה ווי ס'איז אויסגעשורה'ט א שורה פון בחורים וואס ווילן זיך מפלפל זיין מיט אים און רעדן מיט אים אין לערנען.

אזוי זיצנדיג דארט אויף זיין פלאץ אין ישיבה קומט צו אים א בחור מיט א גאר א שווערע קאמפליצירטע קשיא אויפן סוגיא - ווען פלוצלינג געבט זיך די באס א שטעל אפ און רופט אויס הויך 'מיר זענען אנגעקומען...'

דער בחור'ל רייסט זיך ארויס פון אלע דמיונות, שנעל לויפט ער כאפן זיין רענצל מיט זיין באקס ספרים, ער קען זיך קוים אן עצה געבן צו שלעפן אלע זיינע פעקלעך און ספרים...

אויסגעסאפעט און אויסגעמאטערט אבער פול מיט האפענונג, עפענט ער אויף די גרויסע ישיבה טויערן און גראד גייט ער צו צום משגיח אים פרעגן וואו איז די דארמיטארי? דאס ערשטע מוז ער מסדר זיין זיינע פעקלעך און אפשר כאפן א קליינעם דרימל פונעם לאנגן וועג.

דער משגיח קוקט אים אן און זאגט אים מיט א ברייטע שמייכל - פארדעם קומט א בחור אין ישיבה? פארן דארמיטארי? מ'קומט דאך לערנען! ערשט גיי אריין אין שול זעץ דיך לערנען און די גשמיות וועט מען שוין באלד זען...

דער בחור פרובירט מסביר צו זיין: "איך בין אויסגעשעפט, איך בין יעצט געזעסן דריי שעה אויף א באס איך שלאף שוין נישט פאר א וואך, איך וויל אוועקלייגן מיינע פעקלעך און זיך פשוט מסדר זיין..."

דער משגיח שמייכלט ווייטער און מאכט חזרה אויף זיינע פריערדיגע ווערטער: "אין ישיבה קומט מען לערנען, קודם זעץ זיך אריין אינעם היכל ביהמ"ד און באלד וועסטו זיך שוין מסדר זיין מיט אלע אנדערע זאכן".

צומישטערהייט זעצט ער זיך אריין אינעם ביהמ"ד ער עפענט אויף א גמרא און פאלט גראד אראפ אין א טיפע שלאף אויפן גרויסן בבא בתרא גמרא ער איז נאר א מענטש,





וויפיל קען א מענטש ציען?

אזוי איז ער געלעגן דארט אויפן בבא בתרא צוויי אהאלב שעה אין א טיפע זיסע שלאף ווען פלוצלינג פילט ער ווי איינער קלאפט אים אויפן רוקן ער וועקט זיך אויף, די פיאות קלעבן אים, די אויגן איז אים רויט, אויפן קעפל פארמאגט ער א ריזיגע רויטע פלעק פונעם זיסן שלאף...

דער בחור וואס וועקט אים זאגט אים אז דער ראש ישיבה ווארט פאר אים אין זיין אפיס ער זאל יעצט אהינגיין! ס'ווערט אים נישט גוט... נאר דאס דארף איך יעצט אז דער ראש ישיבה זאל מיך זען אזוי פונעם טיפן שלאף ארויס... בכלל טראכט ער צו זיך וואס וויל דער ראש ישיבה יעצט פון מיר??

פארוואונדערטערהייט שלעפט ער זיך צום ראש ישיבה'ס אפיס ער קלאפט אריין מיט גרויס יראת הכבוד דער ראש ישיבה לאזט אים אריין און ווייזט אים ער זאל זיך זעצן.

קעגן אים זיצן זעקס פאר אויגן וואס קוקן מיט שטרענגע בליקן, ער האט נישט קיין מושג ווער זיי זענען אדער וואס זיי ווילן פון אים, איינער ביי די זייט געבט אים א פרעג: "דו הייסט אזוי און אזוי?"

יא!

ווער האט דיר געזאגט אז דו קענסט אהערקומען? דיין טאטע האט נישט באצאלט קיין שכר לימוד וויפיל מ'האט פארלאנגט, דא קען מען נישט סתם קומען... איך שפיר זייער שלעכט אבער דו קענט נישט זיין דא ביז די שכר לימוד איז מסודר! זיי מוחל נעם דיינע פעקלעך און גיי אהיים ביז מיר וועלן מודיע זיין אז דו קענסט קומען!

דער בחור'ל איז געוועזן אין צו א טיפע שאק צו קענען עפעס ענטפערן, אבער זיינע מחשבות האבן געשריגן - ניין מיין טאטע קען זיך נישט ערלויבן צו צאלן צוויי טויזנט דאלאר א חודש שכר לימוד און יא ער ארבעט ביטער שווער צו קענען לייזן אפאר גראשן ס'זאל כאטש זיין ברויט אין שטוב וועגן דעם זאל ער נישט קענען שיקן זיין זוהן אין ישיבה? און בכלל וואס בין איך שולדיג? וואס וויל מען פון מיך דא?

פארלוירענערהייט זעט ער זיך ווידער שלעפן צום באס מיט אלע זיינע פעקלעך דאסמאל א דערשלאגענער צוקלאפט און צובראכן, אלע דמיונות צושמעטערט מיואש ביזן דאך, אלע לופט ארויסגעצויגן וואס וועט שוין פון מיך אויסוואקסן? וואס דארף איך בכלל א ישיבה? קיינער איז במילא נישט אינטערעסירט אין מיר...

אזוי איז ער דורכגעזעסן נאך א לאנגע באס רייזע, ווען יעדער פאר מינוט שמוגלט זיך ארויס נאך א טרערל פונעם בחורל'ס אויגן. ביז ענדליך קומט ער אן אהיים ער לייגט אראפ אלע פעק און זעק ביי זיין טאטע אין שטוב, ער איז צו צובראכן צו קענען בכלל אויסטוישן א ווארט, ער זעט די טיפע צער אין זיין מאמעס אויגן, ער שלעפט זיך אין שול צו דאווענען מעריב טראכטנדיג אז מסתמא איז דאס די לעצטע מאל וואס איך גיי גיין אין שול דאווענען קיינער דארף מיך סיי ווי נישט!

ער עפענט א סידור צו דאווענען און ער טרעפט דארט א קארטל פון ברסלב מיט א שיינע פאזיטיווע מעסעדזש, די קארטל האט אים געצויגן, גראד נאכן דאווענען גייט ער ארויס אינדרויסן און קלינגט אריין דעם נאמבער אויפן קארטל.

אויסצופירן מיין איך פעלט נישט אויס, יעדער קען אליין אויספירן די מעשה....



מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

פרנס החודש

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו
מו"ה לייבי אפפעל הי"ו
מו"ה מרדכי הערצאג הי"ו
וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש
חודש טבת

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבי'ן'ס מוסדות זאל אייך בייַשטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

פרנסי השנה
מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו
מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו


אבער איר טראכט יעצט אוודאי אז די מעשה האב איך אויסגעזויגן פון פינגער, נאך עפעס א פאטריאטישע מעשה, יא יא מסתמא טראכסטו יעצט אז דאס איז גאנץ א פיינע ארטיקל, אבער די מעשיות פאסירן נישט עכט...

האב איך פאר אייך גרויס נייעס, די מעשה איז הונדערט פראצענט אמת, דאס האט מיך איינער פון אנשי שלומינו דערציילט פאריגע וואך אזוי אגב'דיג און מסיח לפי תומו בשעת'ן שמועסן מיט אים וועגן אנדערע זאכן אינגאנצן...

דער בחור האט אנגעהויבן הערן איין שיעור און נאך א שיעור, עס האט זיך אים געעפנט א נייע וועלט, ער איז געוואויר געווארן אז באמת קען ער אויך לערנען, און ער דארף נישט אנקומען צו קיינעמס טובות כדי ער זאל אויסוואקסן א גרויסער צדיק און א תלמיד חכם, ווייל איבעראל קען מען לערנען און אנצוקומען צו מסיים זיין די גאנצע תורה. אזוי אויך נאכן הערן אסאך שיעורים האט ער געכאפט די תפקיד פארוואס מען לערנט תורה - ווייל אזוי ווערט מען נאנט צום אייבערשטן, און מען לערנט נישט ווייל די גאנצע וועלט זאל רעדן פון מיר אז איך בין א גרויסער תלמיד חכם.

יעצט טראכט אריין א מינוט, א מפיץ האט אריינגעשטעלט דעם קארטל אין סידור טראכטנדיג אז לכאורה גייט דאס אנקומען אין מיסט... אבער קיינמאל גייט ער נישט וויסן אז ער האט פשוט כפשוטו געראטעוועט א לעבן!!! וויפיל צייט נעמט שוין צו אראפלייגן אפאר קארטלעך, גליונות אדער קונטרסים? ס'נעמט גארנישט און דו ראטעוועסט לעבנס.

יעצט לאמיר פארענדיגן די מעשה... דער אינגערמאן האט שוין כהיום געענדיגט 77 מאל משניות!!!

אשרינו אז מיר קענען עוסק זיין אין הפצה די הייליגסטע ארבעט צוריקברענגען אידן צום אייבערשטן. און אויב האסטו נאכנישט קיין חלק אין הפצה, מאך יעצט א קליינע תפילה "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל אויך האבן א חלק אין הפצה, אריינברענגען אין אידן א נאנטשאפט צום אייבערשטן, א נאנטשאפט צו די תורה ומצוות".

# איך בין נישט פרייליך

מ. פורסט

איך בין אויפגעשטאנען אויף די לינקע זייט,
איך האב שוין גענוג געהאט.

ווי אזוי קען איך יא, היינט פרייליך זיין,
ווען דער יצר הרע שלעפט מיר אין א מרה שחורה אריין.

עס איז מוראדיג שווער זיך צו האלטן פריש,
איך בין דאך א גארנישט.

דער רבי זאגט אלע מחלות,
קומען פון זיין נישט פרייליך, נאר עצבות.

אין די נאכט קליידער וועל איך בלייבן,
ווי אזוי קען איך די דעפרעשן פארטרייבן.

דער יצר הרע פראבירט מיר אראפ צו ווארפן,
ווער טוט מיר דארפן.

באשעפער העלף מיר זיין פרייליך,
ווייל אזוי קען מען זיין ערליך.

דער רבי טוט אונז אויסלערנען,
ווי אזוי מען קען פרייליך ווערן.

זינג אן א פרייליכע ניגון,
פאנג אן צו טאנצן און שפרינגען.

טו זיך משוגע מאכן,
ביז דו פאנגסט אן צו לאכן.

שמועס זיך אדורך מיט א פריינד א גוטע,
און די ווערסט מער אין א פאזיטיווע גייסט.



# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!





## Protection that matters

- ✓ Travel Insurance
- ✓ Bop Programs
- ✓ Casualty
- ✓ Commercial Auto Liability & Garage
- ✓ Commercial
- ✓ Environmental Liability
- ✓ Excess/ Umbrella
- ✓ Marine & Inland Marine
- ✓ Personal Lines
- ✓ Professional Liability
- ✓ Property
- ✓ Workers' Compensation


Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי זאגט אין סיפורי מעשיות:**
**ווילאנג דעם דף שיצט אויף דיר**

א. ווער דיר גארנישט פעלן!
ב. דארפסטו נישט מורא האבן פון קיינעם!
ג. ביסטו א באשיצטער!
ד. זאלסטו נישט קומען צו מיר

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: אמת, ענק זענען ערליכע אידן, אבער נישט דאס האב איך געמיינט, איך האב געוואלט איר זאלט זיין ווי

**חיות וואס זינגען אין וואלט גאנצע נעכט!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**אדי שטיינבערג תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

אז מען טראכט אריין די גרויסע חסד השם אז **מיר זענען אידן, מיר זענען נישט קיין גוים;** דאס איז א זאך וואס מאכט פרייליך, כל שכן אז מיר זענען פול מיט מצוות, **מיר טוען א גאנצן טאג דעם ווילן פונעם אייבערשטן,** פון דעם ווערט מען פרייליך.

(עצות אמונה פרשת שמות תשפ"ב)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ד | כ | ר | ז | א | מ | ז | ה | ד | ל | ע | מ | כ | ה |
| ת | ג | י | ק | ג | ג | א | ט | פ | ו | נ | ע | מ | נ | ר |
| ע | מ | ו | ה | ה | מ | כ | י | ר | מ | ד | ט | מ | י | ג |
| ח | צ | ב | י | ט | כ | ט | כ | ז | ר | י | נ | ע | י | ר |
| פ | ו | ל | י | מ | ק | ז | ש | י | ס | ס | ר | ג | ק | נ |
| ה | ו | מ | ע | נ | צ | ר | א | ש | ל | ד | ב | ד | צ | י |
| ד | ת | כ | ש | כ | ת | צ | פ | כ | ל | י | ו | צ | א | ד |
| ג | א | ז | ס | ה | ע | ו | ד | נ | ט | ר | י | נ | ל | ס |
| א | ב | ה | כ | ח | ס | ד | ז | א | ש | ע | ע | ר | ו | ו |
| נ | ש | א | מ | ס | ב | ח | ע | ה | מ | פ | ת | נ | פ | ע |
| צ | כ | א | פ | ס | פ | ד | נ | מ | פ | ש | נ | ח | ס | ח |
| נ | ש | ת | כ | ד | ח | ו | ע | ס | ו | ט | ק | ו | ל | כ |
| י | ל | א | ש | ע | ה | מ | נ | כ | ש | ו | צ | נ | י | י |
| ש | ט | י | נ | ת | ת | ר | ע | ר | ג | ת | ע | י | נ | ל |
| ט | ע | ה | ו | פ | כ | ג | ע | נ | ש | ר | פ | ר | מ | י |
| ר | ז | ו | נ | ו | ה | ב | פ | ק | א | צ | ו | ל | ט | י |
| א | ו | ע | י | צ | י | צ | ס | נ | ר | ל | מ | י | ע | ר |
| כ | ו | ו | ז | י | ה | ד | ד | ה | י | ל | ש | ב | ס | פ |
| ט | פ | פ | א | א | ה | י | ט | א | י | נ | ד | ה | ש | ע |
| א | כ | י | ק | ס | א | ה | ט | פ | נ | א | פ | פ | כ | ה |

## טרעף די וועג

טרעף די וועג אונטערגייטן נעגל וואסער!





## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?




ענטפער פון פאריגע וואך

מוהרא"ש זאגט: "ווער ס'שניידט די בארד, שניידט די פרנסה!"

## שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

**ה. מִי שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל יִשְׂרָאֵל בִּמְסִירַת נֶפֶשׁ, הַכֹּל אוֹהֲבִין אוֹתוֹ.**

ווֶער עֶס אִיז מִתְפַּלֵּל פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, הָאט אִים יֶעדֶער לִיבּ.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א אידן!"

# מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה
# פֿאַר קינדער

שיינדי אינדיג תחי' - קרית ברסלב




פייגי אינדיג תחי' - קרית ברסלב



# קינדער טאלאנטן



משפחת אינדיג - קרית ברסלב



וועלווי און מושי מינצברג בית שמש



יצחק דוד רוטה נ"י - וויליאמסבורג



חמי זעלקאוויטש - מנורה



אברהם יצחק פוקס - קרית ברסלב



עמרם ראטה - קרית ברסלב

# בילדער אפטיילונג

קרעדיט: שלמה מינצבערג



קרעדיט: שלמה מינצבערג



יארצייט סעודה פון רבי נתן זצ"ל אין בית שמש - ה' ויגש תשפ"ד

קרעדיט: יואל קרויס



יארצייט סעודה פון רבי נתן זצ"ל אין ביתר - ה' ויגש תשפ"ד

קרעדיט: יעקב פיש



הרב ר' שלום וואגשאל שליט"א אבדק"ק לאנצוט באזוכט אין כולל היכל הקודש אין שטעטל - ב' ויחי תשפ"ד



דער מנהל שליט"א פארברענגט מיט די קינדער




מעמד התחלת לימוד גמרא אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק





די חשובע כולל אינגעלייט מיט די געטרייע הצלה וואלאנטירן פון שטעטל ביים איבערגיין וויכטיגע הלכות בנוגע שבת
ג' ויחי תשפ"ד



קרעדיט: יואל הכהן

א מיטינג אין שטוב פון מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו מיט די עסקנים פונעם בנין היכל הקודש אומאן בנוגע אומאן



קרעדיט: יואל הכהן

א שפאציר פונעם ראש ישיבה שליט"א מיט די חשובע כולל אינגעלייט



קרעדיט: יואל הכהן



קרעדיט: יואל הכהן

קביעת מזוזה ביים שטוב פון מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו אין שטעטל - ג' ויחי



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: יוסי פרערויא

סיום הש"ס פון הבה"ח אשר ראנד נ"י - ד' ויחי תשפ"ד


קרעדיט: לייבי ראטה

מען דרוקט שוין הגדה של פסח אינעם בית הדפוס אין שטעטל - ה' ויחי תשפ"ד


קרעדיט: לייבי ראטה

13 נייע קונטרסים ארויס פון דרוק אינעם בית הדפוס אין שטעטל - ה' ויחי תשפ"ד


קרעדיט: לייבי ראטה


קרעדיט: לייבי ראטה

4 נייע פרינטערס אנגעקומען אין קרן הדפסה אין שטעטל - ה' ויחי תשפ"ד



קריאת השם לבת מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו - ה' ויחי תשפ"ד



לחיים נאך קריאת השם לבת מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו - ה' ויחי תשפ"ד


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא

ישיבה פון קרית ברסלב אויף א באזוך אין ישיבה













**פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן דניאל נ"י בן מו"ה נתנאל אייזנער הי"ו עב"ג מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו - זונטאג שמות תשפ"ד**












הכנסת

# ספר תורה

לע"נ מרן
מוהרא"ש
זי"ע

חסידי ברסלב
תלמידי היכל הקודש

ע"י קהל
אנשי שלומנו

ועתה כתבו לכם את השירה הזאת

רעזערווירט דעם דאטום

## מוצש"ק פרשת בשלח

יד' שבט יומא דהילולא של

## כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

למספרם Jan 27

# פרטים יבואו

פרטים איבער "מעמדי
סיום כתיבות האותיות"
ווען נאכפאלגען.

שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ
בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה
וּתְנוּ כָבוֹד לַתּוֹרָה

נָגִיל וְנָשִׂישׂ
בְּזֹאת הַתּוֹרָה כִּי
הִיא לָנוּ עֹז וְאוֹרָה

ZEBRA

בס"ד

# טייערע אנשי שלומינו!

# נעמט אריין רבי מאיר בעל הנס פושקע ביי אייך אינדערהיים

## "ווען מען וועט וועלן פועלן א ישועה וועט מען אריינלייגן צדקה אין די פושקע און מען וועט זען א ישועה"

**יואל רוטה**
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

**Rabbi Yoel Roth**
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

בס"ד מאנטאג ויחי יג טבת התשפ"ג

לכבוד מיין טייערע אהרן בן פיגא נ"י

טייל אויס פאר יעדן פון אנשי שלומינו א פושקע פאר אונזערע מוסדות אין ארץ ישראל "קופת רבי מאיר בעל הנס", און ווען די פרויען אין צינדן די שבת ליכט זאלן זיי לייגן צדקה פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות אזוי אויך ווען מען וויל פועלן א ישועה וועט מען לייגן צדקה אין די פושקע פון ר' מאיר בעל הנס פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות און מען וועט זען א ישועה.

אלע זענען זייער ווארעם צו העלפן די מוסדות אין ארץ ישראל על טהרת הקודש, מיר נעמען נישט קיין געלט פון די ערב רב און מיר לערנען נישט און רעדן נישט זייער טריפהנע שפראך, האב נישט מורא אלע וועלן דיר העלפן אלע וועלן האבן א חלק אין ארץ ישראל.

יואל רוטה.

אלקא דמאיר ענני

קופת רבי מאיר בעל הנס

מוסדות היכל הקודש באה"ק

ווען מען וועט וועלן פועלן א ישועה וועט מען אריינלייגן צדקה אין די פושקע און מען וועט זען א ישועה

**מוסדות היכל הקודש באה"ק**
• צדקת רבי מאיר בעל הנס •
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# הערליכע
# פראכטפולע
# עהרפולע
# מכובד'יגע

# חתן
# פעקעדשעס

EXPERIENCE EXCLUSIVITY

CUSTOM
SHOWROOM
BY YANKY

Now offering
private appointments

917-474-6118

csbyyanky@gmail.com
@customshowroombyyanky

**We are now offering a premium service where you can get all the Judaica you need hassle free**

Puroches // Mantalach // Kitel // Talis Bags // Tefilin Bags // Personalized Tzizis // Custom Challah Covers